בעזהי"ת

# דער גערּאנגל פאר אידישקייט עקזיסטענץ און אונזער צייט

א לעבעדיק בילד פון די געשעענישן אין דער צייט, ווען אונזער גרויסער און הייליגער רבי האט מיט מסירות נפש געקעמפט פארן קיום פון אידישקייט איבער דער גאנצער וועלט.

•●•

ארויסגעגעבן דורך

**תלמידים־חסידים פון**
**האָלמינער רבי שליט"א**

•●•

צוגעגרייט און רעדאגירט דורך

**י. שפיגל**

מחבר פון ספר "דברי חכמים" אויף "פרקי־אבות און די 15 שיר המעלות'ן".

•●•

**געדריקט און ירושלים עיה"ק און יאר תשמ"ט.**

*

ארויסגעגעבן דורך
**תלמידים־חסידים פון
האָלמינער רבי שליט״א**

*

צוגעגרייט און רעדאגירט דורך
י. שפיגל

**געדריקט אין ירושלים עיה״ק אין יאר תשמ״ט.**

*

**MOSAD BRUCHA TOVA**

**P. O. B. 331**

**BLYTHBOURNE STATION**

**BROOKLYN, N.Y. 11219**

*

# חלק
# א

זאת התורה — לא תהא מוחלפת

# הצלת היהדות

**המבצר האדיר הזה הוא שרשרת חומת אש ליהדות הנאמנה באה"ק ובכל העולם כולו**

**דא שפיגעלט זיך אפ די ריזיגע ארבעט וואס כ"ק אדמו"ר שליט"א האט געגרינדעט אין פירט אן מיט מסירות נפש ביזן היינטיגען טאג.**

...שטייען אין פראנט ליניע און פירען אן דעם אומענדליכען קאמף דורך צו ברעכען די מויער וואס פארשטעלט די וואס ווילען גיסען די פונדאמענטען פאר אמתידיגע כשרות.

...זענען מקדש שם שמים קענן די גאנצע וועלט אויסרופענדיג אז משה אמת ותורתו אמת.

..תהלתם מלאה הארץ ריזיגע פעסטונגען קענן בייזע ווינטען וועלכע באדרויען דעם כלל ישראל.

**התוכן**

- **שלשת אלפים** מכתבי ברכה ועידוד מגדולי וחכמי דורנו.
- **תעמולות ההפצה** מתקיים ע"י המשרדים הקבועים בכל התפוצות.
- **מספר החיבורים** שנתחברו ונדפסו בסך 18 שנה ע"י הגאון המחבר שליט"א, הם סך: 286 ספרים.
- **מספר עותקים** שנדפסו ונחלקו בחנם ע"י הוועד להוצאת ספרי יהודה וישראל בכל תפוצות ישראל הם סך: 850,000 ספרים.
- **הוצאת הדפוס** והמשלוח ועוד הם סך למעלה מ־2 מליאן דאלער.
- **הגרעון (דעפיציט)** הוא סך: $1,500,000.00.
- **תקציב השנתי** לשנת תשמ"ז $1,750,000.00.

## החובות עלו למעלה ראש אנא השתתפו ונטלו חלק בהחזקת המוסד להוצאת ספרים לזכות הרבים בכל העולם כולו, ואשרי חלקו של כל מי שמסייע לדבר גדול ונשגב כזה להציל נפשות מישראל.

**אנא תן יד להמוסד הנשגב הלזה להשתתף בהוצאת ספר לע"נ קרוביך שעילוי גדול תהי' לנשמתם הטהורה ועי"ז ימליצו עליך להושע בכל מיני ישועות עליך ועל משפחתך הדגולה ועכי"א.**

Tel: 718-436-8086.

# אינהאלט

1. זכרונות פון אונזער גרויסן און הייליקן האלמינער רבי שליט״א ט
2. פארווארט פון צוזאמענשטעלער און רעדאקטאר יג
ביאגראפישע שטריכן פון אונזער רבי׳ן כה
זיינע ווארצלען און יוגנט כה
קעמפער פאר אידישקייט און ערלעכקייט פון זיין פריע יוגנט כו
3. אקציע פאר טהרת המשפחה כט
4. עם הארצות טהרת המשפחה ל
4. רבינו פארעפנטלעכט מוסר און יראת השם ספרים לא
אין ליכט פון תורה לב
5. ווארנט וועגן זמן קריאת שמע און תפלה לג
6. ווען דו גייסט אין וועג (בלכתך בדרך) לד
מ׳לערנט ,,חק-לישראל״ אויפן וועג צו און פון דער ארבעט לד
7. רבינו ווערט אטאקירט אין בעלגיע פאר זיין ווארענען לו
אנטוויקלונג ארום ספר ,,ואמרו אמן״ / ר׳ איציקל גרייט אליין צו אנבייסן פאר רבינו /מעין עולם הבא אינמיטן וואלד לח
8. סוכות ביי ר׳ איציקלען ז״ע מ
רבינו זעט ר׳ מרדכי׳לע נדבורנער אין חלום מא
9. דאס עסן און טרינקען אין ישיבה תורה ויראה מא
10. אלס בחור אין ישיבה מג
11. סאטמארער עופות כשר נאר בדיעבד מג

12. וועגן דרוקן ספר ,,ואמרו אמן״ אין אמעריקע מה
אין יאר תשכ״ה 37 עולם הבא פון ר׳ וואלף / שיעור
אין זוהר-הקדוש / דרוקן דעם ״ואמרו אמן״ / סאטמארער
רבי באדגט דאס ספר מט

13. סאטמארער רבי גיט זיין ברכה /ר׳ וואלף לעבט אויף נ

14. אהבת ישראל אקציע נב

15. צניעות אקציע נג
דער שטן נתן יוסף מייזלעס /דער רבי לייקנט... נד

16. סעקולערע בילדונג אין ישיבה נו
לערנען ענגליש אין סאטמארער ישיבה נז

17. דער תקנות בורשור נט
בערקאוויטש האט מורא ס׳וועט אנטפלעקט ווערן ווער
ס׳האט דאס ארויסגעגעבן צו פארעפנטלעכן / רבינו
פירט א געשפרעך מיט אשכנזי-דייטש ס

18. דת משה ויהודית סב
רעגירונגס שטיצע סג

19. טמא׳דיקע ספרים מיט קירכע בילדער סד
כפירה און מינות געדאנקען סה

20. כשרות אקציע סו
באשטימונג אויפצושטעלן א וועד הכשרות / סקווערער
רבי שטיצט די עסקנים / ארום די כשרות פון קרויט
/דער רב המכשיר ווי פאר סמ׳ט / אין געשפרעך מיטן
אונגווארער רב / ער טומלט זיך און איז מודה / וויאזוי
האט מען אנטפלעקט די אינציאטארס / דער קאמף וועגן
קרויט / מ׳וויל אפראמען ר׳ הרש׳ל וועבער נ״י עו

21. ״הצלה״ אקציע עז

22. סת״ם אקציע עט
יוס׳ל אשכנזי פארקויפט פסול׳ע מזוזות / אשכנזי איז
מזלזל אין כבוד פון רבי׳ן... / די דרשה אין וואשינגטאן
/מזוזה הענדלער צארענען / נסיה ארום די מזוזות פו

**דער גערανגל פאר אידישקייט**
**עקזיסטענץ און אונזער צייט**


23. ״קראקע״ אין אמעריקע — פח
די ,,טריפה׳ניקעס״ לאויערן אויף רבינו — צ
24. מעדיצינען כשר לפסח /חמצ׳דיקע מעדיצינען אין פסח — צא
25. דער קאמף ארום פסח׳דיקע מצות — צג
/סאטמארער מצות גע׳אסר׳ט — צד
26. קול יעקב העפט — צח
27. הזקן בישראל כהלכתו צורת יהודי — קד
28. צניעות אקציע, ,,יחוד״ ביי דאקטוירים — קו
, וועד קדושת בנות ישראל — קו
29. דין תורה׳ס ביי אידען /פאלשע דין תורות — קט
/מען חאפט אוועק דעם טעיפ — קיא
30. הארמאנים עופות איינשפריצונגען אקציע — קיג
31. צוויי שוחטים אקציע... — קכב
32. קיין שחיטה נישט ! ,,כשר״ קלעבט זיך נישט צו איר... — קכו
/געלד פארבלענדעט !... /בהמות מיט 10 צינגען... — קלב
33. מקוואות אין זומער פלעצער... — קלד
34. הכנסת-אורחים אקציע — קלו
35. נפש ישעי׳, ערשטער באנד — קלח
36. שבת-אקציע אין ברוקלין... — קמב
/דעמאנסטראציע קעגען ״וואלבאום״... — קמג
37. כשרות און שחיטה אקציע (אין קורצן) — קמו
/דער ציל פארהייליגט די מיטלען !... /טעראר קעגען
די קצבים /דעברעצינער רב בראש /רבנים רשימה: — קנב
38. ציצית און שעטנז אקציע... — קנה

בס״ד

# עשירים עשירים!!! ראטעוועט ראטעוועט!!!

## נאָנט צו 6 מיליאן אידן אין אמעריקע ווערן געפירט צום גייסטיקן אוישוויץ רח״ל

טאג טעגלעך גייען טויזנטער פון די אמעריקאנער אידישע יוגנטלעכע מטה מטה.

די איינציקע וועלכע קענען זיי העלפן זענען די עשירים. די נשמות פון די יוגנטלעכע בעטן זיך ביי אייך מיט תחנונים

**האט רחמנות און ראטעוועט אונז.**

יש קונה עולמו בשעה אחת!

עשירים האבן די מעגלעכקייט צו קויפן טעגלעך זכותים דורך ראטעווען טויזנטער אידישע נשמות פון די נעגעל פון די סטרא אחרא.
לאזט נישט אדורך די געלעגנהייט וועלכע וועט אייך ברענגען צו די העכסטע היכלות פון גן עדן און גרויס הצלחה אויף דער וועלט אין אלץ.

אויפן סדר היום: • שבת • כשרות • טהרת המשפחה • תפילין • מזוזות • געמישטע הייראטן • מלחמה קעגן מיסיאנערן.

**פאראינטערעסירטע צו העלפן מיט געלט דעם ״וועד המרכזי העולמי לקיום היהדות״ צו קענען אנגיין מיט דער רעטונגס־ארבעט, דארפן זיך ווענדן שריפטלעך אדער טעלעפאניש צו:**

**VAAD HAMERKAZI HOILUMI LEKIYUM HAIHADUS**
**c/o Rabbi Sholem Yuda Gross**
**4711 — 12th Ave., Apt. A-5, Brooklyn, N.Y. 11219**
**Tel.: (718) 436-8086**

# זכרונות־העפט
# פון אונזער גרויסען־הייליקן
# האַלמינער רבי שליט״א

## שטריכן פון רבין

מיט דרך ארץ און יראת הכבוד פארעפנטלעכן מיר דעם קונטרס. מיר דערפילן מיט דעם אונזער חוב קעגן דעם געהויבענעם מענטש, אונזער גרויסער הייליקער רבי, הגאון החסיד האמיתי, רבי שלום יודא גראס, האלמינער רבי שליט״א. אין זיין שאָטן טוען מיר רוען, פון זיין לעבנס-וועג און אויפירונג טוען מיר לערנען. וואויל איז אונז אז מיר האבן דאס דערלעבט.

במשך פון א סך יארן איז אונז דער פארבאנד פון תלמידים און חסידים געלונגען צונויפצוזאמלען שיינע ווערטער און בלימלעך פון זיין תורה-אוצר, ווי אויך באשרייבונגען פון זיינע קאמפן וואס ער האט געפירט, און פירט אויך איצט, פאר כבוד שמים.

דער רייכער אפקלויב, אן אוצר מיט געשמאקע פערלדיקע ענינים פאר יעדן אידן. די וויכטיקייט פון די ענינים איז גארנישט אפצושאצן. דעריבער האבן מיר באשלאסן מסדר צו זיין די ווערטער-ענינים און זיי פארעפנטלעכן אין עטלעכע העפטן, כדי כלל ישראל, וואו זיי זאלן נאר נישט זיין, זאלן הערן און זען.

לערענען אליין, און מיט א צווייטן, ווי אזוי זיך צו דערווייטערן און אפהיטן פון יעדן שטרויכלונג און קרומקייט, ספעציעל פון די מאסקירטע מיט דעם עמבל „קנאות" אויף זיך, וואס זענען מכשיל כלל ישראל מיט נבילות און טריפות, און פירן דעם צבור וואס איז געפאנגען אין זייער נעץ פון שלעכטץ צו ערגערס.

אונזער גרויסער רבי איז זיך מוסר נפש פארן רעטונג פון כלל ישראל בגשמיות און רוחניות, ווי זיי זאלן נאר נישט זיין. ער איז גרייט יעדן מינוט אויף אלעם, אבי נישט אפצונייגן פונעם אמת און אראפרייסן די מאסקירונג פון די שלעכטע פארדארבענע מענטשן, וואס זענען מכשיל כלל ישראל מיט נבלות און טרפות, חלב און בלוט. ער איז דער פיאנער וואס גייט פאר דער מחנה זיי צו דינען, אנצואווייזן דעם ריכטיקן וועג און אויסגלייכן אלע קרומקייטן, אוועקצושטעלן אלץ אויף געזונטע יסודות. די מאכלים און געטראנקען זאלן זיין אויף דעם בעסטן און מהודר'דיקן אופן פון כשרות, און חלילה זיך נישט באנוצן מיט די פראדוקטן וואס כאטש עס איז דא אויף זיי א „כשר"-סטעמפל, אבער לײדער, מיינט עס גארנישט...

די קדושה און ליכטיקייט שטראלן פון אונזער רבי'ן זענען פארשפרייט איבער גאר דער וועלט, זיינע ספרים דערגרייכן לארבע פנות העולם. זיין נאמען גייט פאר אים, אלס א וועג ווייזער פאר כלל ישראל און איינער וואס פארמיידט שטרויכלונגען און איז מרבה כבוד שמים.

מיר דאנקען השם יתברך פאר זיין גרויסן חסד, וואס ער האט געטאן מיט אונז, דורך דעם וואס ער האט אראפגעשיקט אין אונזער דור, דעם גרויסן מענטש וואס קעמפט פאר כבוד שמים ווי א לייב, און לאזט נישט איינברעכן די מויער פון דער תורה-פעסטונג.

## דער גערעגל פאר אידישקייט
## עקזיסטענץ און אונזער צייט

אין זיין זכות ווערט דאס אידישע פאלק אפגעראטעוועט פון שאול תחתית. גרויס איז דער מענטש און גרויס איז זיין נאמען, ווי איינער פון די פארצייטישע פאסטעכער פון אידישן פאלק.

וואויל איז אונז אויף דער וועלט וואס מיר האבן זוכה געווען אז אונזער גרויסער רבי און פירער זאל אונז אנווייזן דעם ריכטיקן וועג, און וואויל וועט אונז זיין אין דער קומענדיקער וועלט, צו לעבן א חיי נצח, דורך דעם וואס מיר פירן זיך לויט זיינע אנווייזונגען.

אונזערע פריערדיקע חכמים זאגן אונז: ניט צו זאגן א מענטשן אין פנים זיין גאנצן שבח נאר א מקצת שבחו. דעריבער זאל זיין קלאר פאר יעדן, דאס מיר האבן דא, אפילו קיין טראפן פון ים ניט פארעפנטלעכט, פון זיינע גרויסע אויפטוען. ווייל אויב מיר זאלן וועלן פארעפנטלעכן זיין גאנצע ביאגראפיע וואלטן גאנצע שענק מיט ספרים נישט געווען גענוג. דעריבער באגנוגן מיר זיך מיט קורצע שטריכן. אפשר, בע"ה אין די קומענדיקע אויפלאגעס וועלן מיר אויסשפרייטן דעם פארנעם...

ווי געזאגט, איז דער זכרונות-העפט, צו פארעפנטלעכן אלץ וואס איז אונז געלונגען צונויפקלייבן דורך די יארן, וואס מיר האבן געהערט און נאכגעפאלגט די גרויסע ארבעט פון אונזער גרויסן רבי'ן. מיר האבן זיך באמיט צו פארעפנטלעכן נאר דאס פיינסטע פון בעסטן. אויב מיר האבן אפשר עפעס פארזען און ארויסגעלאזט א וויכטיקע זאך בעטן מיר אנטשולדיקן ביי די חשובע לייענער. בע"ה וועלן מיר פארבעסערן אין דער קומענדיקע אויפלאגע.

דער זכות פון אונזער גרויסן רבי'ן זאל אונז שטענדיק ביישטיין, און אין זכות פון די גוטע מעשים, זאלן מיר זוכה זיין

צו די גאולה שלמה אין גיכן, זען די ישועה פון כלל ישראל דורך משיח צדקנו במהרה בימינו.

**צונויפשטעלער און רעדאגירער**
**תלמידים און חסידים פון האלמינער רבין**



# פארווארט פון די צונויפשטעלער און רעדאגירער

א סאך מענטשען האבען שטרעבונגען, אמביציעס און פאַנטאַזיעס, טייל געלונגט עס צופארווירקלעכן אין לעבן און אנדערע נישט, און עס בלייבט בלויז א חלום. איינע פון די סיבות וואס ס'געלונגט נישט מענטשן איינצופירן אין לעבן זייערע פאנטאזיעס איז, מאנגל אין פינאנסן אדער גאר פשוט פיזישע כוחות. נישט אלע גיבן אויף זייער ווילן, נאר פרובירן, אפשר... א סך מאל מיט גרויס מי און איבער־מענטשלעכע אנשטרענגונגען געלינגט זיי צו שאפן א יש מאין, זיי מאכן מעגלעך אפילו דאס אומעגלעכע...

פון דעם קאליבער איז אונזער גרויסער רבי הרה"צ ר' שלום יהודה גראס שליט"א, האַלמינער רב. עס איז אים געלונגען צו באווייזן פאר דער גאנצער וועלט, אז אפילו אונטער די ערגסטע אומשטענדן, ווען פון אלע זייטן האט מען אים געזוכט צו ליקווידירן, צו צושטערן יעדער פעולה זיינע, אן געלט און באגרעניצטע פיזישע מיטלען, אויפצוטאן גאר גרויסע זאכן, וואס נאר דורות שפעטער וועלן קענען אפשאצן דאס וואס ער האט אויפגעטאן.

די ביאגראפיע פון אונזער גרויסן רבי'ן איז א לאנגע און אינטערעסאנטע. אירע ווארצלען ציען זיך נאך פון זיין גרויסן פאטער הרה"ג ר' ישעי' זאב זצ"ל און זיין קהילה אין חיפה, ארץ ישראל. ער איז געבארן געווארן אין סאמבאטאל, אונגארן.

זיין חינוך, און די מסירות נפש כוחות, נישט צו קוקן אויף קיין שוועריקייטן וואס עס זאל נאר נישט זיין ווען עס האנדלט

## דער געראנגל פאר אידישקייט
## עקזיסטענץ און אונזער צייט

זיך אין כבוד שמים, האט ער גע׳ירש׳נט פון זיין פאטער, אין זיינע קינדער יארן. לײדער, איז דער פאטער יונג אוועק פון דער וועלט.

ווער עס האט געקענט פון דער נאענט דעם פאטער פון רבי׳ן און זיינע גרויסע אויפטוען פאר אידישקייט, טאקע אין דער ,,רויטע חיפה״, קען פארשטיין ווי אזוי איז אים געלונגען צו דערציען און אויפשטעלן הערלעכע דורות, צו גאט און צו לייט, וואס באשיינען דאס יהדות החרדית איבער גאר דער וועלט.

אונזערע פארצייטישע חכמים זאגן: ס׳איז דא אמאל א מענטש, וואס אין זיינע יונגע יארן טוט ער אזויפיל גוטע און שיינע מעשים פאר כלל ישראל כאילו ער וואלט שוין געווען גאר אן אלטער מאן. די ווערטער זענען אזוי ווי אפגעמאסטן אויף דעם גאון און באוואוסטן צדיק רבי ישעי׳ זאב גראס זצ״ל, וואס ער האט זיך משלים געווען מיט א וואונדערלעכע שלימות דורך מעשים טובים. אויפגעשטעלט אומצאלבארע אינסטיטוציעס פאר תורה צדקה און חסד און דעסטגלייכן, ווען ער איז נאך געווען גאר יונג. א זאך וואס אנדערע מענטשן, אפילו זיי זאלן דערגרייכן צו אכציק און ניינציק יאר, קענען דאס נישט באוויזן מיט אזא פינקטלעכקייט און שלימות.

באלד נאכדעם, ווי ער איז באפרייט געווארן פון נאצישן-גיהנום און געקומען קיין חיפה, ארץ ישראל, זיך צוגעזען ווי הונדערטער טויזנטער פליטים, צעבראכענע שארבענעס, צאנקנדיקע קוילן פון די קאלך-אויוונס, קומען אן טאג-טעגלעך, נאקעט און בורוועס צו די ברעגן פון ארץ ישראל, אן קיינע פינאנסיעלע מעגלעכקייטן. האט ער באלד געגרינדעט א גמילות-חסד קאסע מיטן נאמען ,,קופת-מלוה״ וואס זי האט אויסגעטיילט הלוואות צו הונדערטער חרדישע אידן. זיי געגעבן א מעגלעכקייט אויפצושטעלן א שטוב, משפחה, כאטש נאר אויף א באשיידענעם אופן.

## דער גערעגל פאר אידישקייט עקזיסטענץ און אונזער צייט

מיט גרויס מי און אנשטרענגונג האט ער פרובירט מקרב צו זיין דערווייטערטע אידן, וואס דער חורבן, אן טאטע מאמע, גוטע חברים, רבי׳ס, האט זיי כמעט אינגאנצן אפגעריסן פון אידישקייט. דורך זיינע טרייסט ווערטער און מעשים טובים איז אים געלונגען זיי צוריק צוברענגען צום אידישן וועג.

מיט דער צייט. עס זענען געבוירן געווארן קינדער, אינטערגעוואקסן און ניט געהאט קיין פאסיק חדר, וואו צו לערנען ,,תורה צוה לנו משה מורשה״. האט ער געגרינדעט א תלמוד תורה מיטן נאמען ,,בית משה״ און א ישיבה ,,מחזיקי תורה״, צוזאמען מיט א גרויסע שול און א שיינע כשר׳ע מקוה פאר דער גאנצער געגנט.

ווען ער האט אנגעפאנגען צו שאפן די אלע אויבנדערמאנטע אינסטיטוציעס, האט קיינער נישט געגלייבט, אז דאס דארע, מאגערע מענטשל וועט זיין מסוגל דאס אלץ אויפצושטעלן און אנפירן, מיט דער באשרענקטער הילף וואס געציילטע האבן אים געהאלפן. יעדער האט דאס באוואונדערט.

די שפארך איז צו ארעם צו שילדערן אלץ וואס דער צדיק רבי ישעי׳ זאב זצ״ל האט באוויזן אין אזא קורצע צייט. ווער עס האט זיך גענויטיקט אין הילף, א טובה, האט געוואוסט, אז די בעסטע אדרעס פאר דעם, איז ר׳ ישעי׳ס הויז. דער מענטש איז געווען גרייט פאר יעדן איינעם, צו יעדן צייט, לויפן אין פייער און וואסער, אפילו מיט די לעצטע כוחות. קיינמאל נישט מיד געווען, ווען עס האט זיך געהאנדלט אין א טובה פאר א אידנ׳ס וועגן. ווען מ׳האט געזען ר׳ ישעי׳ן זיך איילן אין גאס, האט מען געוואוסט, כוודאי לויפט ער וועגן א דבר טוב: תלמוד תורה, ישיבה, חסד, העלפן נויטבאדערפטיקע, יתומים, אלמנות און דג״ל.

**דער גערangל פאר אידישקייט**

**עקזיסטענץ און אונזער צייט**

איינע פון זיינע עיקר הצלה-אקטן זענען געווען, מקרב זיין וואס מער פליטים פון צווישן די הונדער טויזנטער, וואס זענען צו יענער צייט אנגעקומען פון די ,,די.פי.״-לאגערן, און באלד אוועקגעשיקט געווארן דורך די לינקע פירער, אין פרייע אטעאיסטישע קיבוצים. ער האט נישט גערוט און געטאן אלץ, וואס נאר מעגלעך. ווי א געטרייער פאטער, האט ער זיי אריינגענומען צו זיך אין שטוב, געגעבן צו עסן, טרינקען, און וואס נאר א מענטש באדארף. זיי איינגעארדנט אין ערלעכע אינסטיטוציעס, ביז זיי האבן אין א גוטע שעה, חתונה געהאט, און זוכה געווען צו זען ווי זיי שטעלן אויף הערלכע אידישע שטובן, מיט שיינע דורות, וואס זענען היינט צו טאג, פון די שענסטע משפחות אין ארץ הקודש.

פאר זיך און זיין משפחה האט ער געלעבט א גאר ארעם לעבן. א ענגע אלטע דירה׳לע מיט ביליקע מעבל, אבער, וואס עס איז געווען נוגע פאר ציבור, האט ער אויפגעשטעלט וואונדער שיינע בנינים. א פראכטפולע מקוה מיט די מאדערנסטע איינריכטונגען, כדי צוצוציען די ברייטע מאסן צו טהרת המשפחה.

דאס גרעסטע הכנסת-אורחים-הויז אין ארץ ישראל, איז געווען, זיין שטוב. ס׳איז געווען באוואוסט, אז ביי ר׳ ישעי׳ אין הויז, שפירט זיך יעדער איינער ווי ביי זיך אין דער היים. זיין הויז איז געווען אפן פאר יעדן. מ׳האט פשוט נישט געוואוסט ווער ס׳איז דער בעל-בית.

דער סאטמארער רבי זצ״ל איז אויך איינגעשטאנען ביי אים אין הויז, עטלעכע מאל, ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל.

טראץ זיינע אלע פארנומענקייטן, פלעגט ער נאך לערנען מיט אידן ברבים. יעדן פרייטיק צו נאכטס, פלעגן זיך אידן

איינזאמלען צו אים אין שטוב, הערן זיינע תורה און מוסר שמועסן.

הונדערטער בחורים און מיידלעך פון זיינע אינסטיטוציעס, האבן חתונה געהאט און אויפגעשטעלט שיינע הערלעכע אידישע הייזער. זיי זענען די ,,אמבאסאדארן" צו פארשפרייטן זיין תורה און השקפה, מיטן גאנצן תורה'דיקן ווארימקייט איבער גאנץ ארץ-ישראל.

ער פלעגט אמאל לאזן פאלן א ווארט קריטיק, וועגן די גלייכגילטיקייט פון די רעליגיעזע פארטייען און אינסטיטוציעס, וואס האבן נישט געטאן ממשות'דיקע פעולות צו ראטעווען די צאנקנדיקע פלעמאלעך פון די נעץ פון כפירה און מינות סיי פון די ציונים, סיי פון די מיסיאנערן. טראץ אלע ווענדונגען און בקשות האבן זיי נit געטאן קיין ממשות'דיקע פעולות, נאר שיין גערעדט וועגן הצלה... די פרעסע האט דעמאלט געמאלדן: די מסיאנערן האבן אויסגעשמדט אין איין יאר 60 טויזנט קינדער. די גרויסע אפאראטן האבן געשוויגן. יחידים מיט באגרעניצטע כוחות האבן עפעס גאטאן, זיי גארנישט.

זיין גאנצער געדאנקען גאנג איז נאר געווען: מרבה זיין כבוד שמים, תורה, מעשים טובים פאר כלל ישראל. טראץ זיינע גרויסע און פארצווייגטע פעולות, האט ער אלץ געטאן שטיל און באשיידן, מ'זאל נישט מאכן קיין געשפרעך פון דעם, ווייל ער איז געווען א זעלטענער עניו. פאר זיך און משפחה האט ער נישט געטראכט...

איידער ער איז ארויסגעפארן קיין אמעריקע האט ער אויפגענומען אלס זיין פארטרעטער, דעם באוואוסטן עסקן לשם שמים, הרה"ג ר' חיים אלי' שטערנבערג שליט"א, וואס ער האט

אויפגעשטעלט ישיבות און תלמוד תורות, אין ירושלים און איבער פארשידענע אנדערע ישובים אין ארץ ישראל. ער איז פארבליבן דער פירער פון די הייליקע אינסטיטוציעס פון הצדיק ר׳ ישעי׳ זאב זצ״ל. ער האט געהאפט אז ער וועט קענען אויפטוען גרויסע זאכן דורך זיין פארן קיין אמעריקע. ליידער, האבן מיר נישט זוכה געווען דערצו. נאך א קורצע צייט האט ער פארלאזט אונזער וועלט. דער בוים איז פארשניטן געווארן אין זיין בעסטן בליענדיקן פעריאד.

מיט זיין פארלאזן ארץ ישראל האבן אלע געשפירט אז עס איז געבליבן א גרויסער חלל, א לערקייט. עס האט זיך געהערט פון א סך: ,,יצא צדיק מן העיר פנה הודה פנה זיוה״. עס איז נישט געבליבן ווער, עס זאל אים קענען ריכטיק פארטרעטן מיט זיינע פעולות, ווי פריער דערמאנט.

די איינציקע טרייסט וואס מיר האבן איז, די פירות וואס ער האט איבערגעלאזט. קינדער מפורסמ׳דיקע תלמידי חכמים, יראי השם בעלי מעשים טובים. ספעציעל זיין זון, אונזער רבי, דער אויסגערופענער מיט זיין גאונות, צדקות און מידות טובות, א שטיק טאטע, הגאון האדיר הצדיק המפורסם מרן ר׳ שלום יודא גראס שליט״א, רב דקהל ,,מגן שאול״ דהאלמין און ראש ישיבה, ווי אויך ראש הכולל בית ישעי׳, וואס וואוינט אין ברוקלין.

---

אין די ווייטערדיקע קאפיטלען וועלן מיר ברענגען אינטערעסאנטע זכרונות פון רבינ׳ס ביאגראפיע. זיינע בחור-יארן, אלס תלמיד אין ישיבה, וואס שוין דעמאלט, האט אין אים געברענט אן הייליק פייער. שפעטער אלס כולל-אינגערמאן, עסקן אין עניני כשרות, ביז צו אונזער צייט, וואו ער איז ממשיך די גאלדענע קייט פון האלמינער דינאסטיע.

די אידישע היסטאריע, איז פול מיט אינטערסאנטע זכרונות, וועגן געראנגל אויפצוהאלטן די אריגינעלע תורה-טראדיציע, צווישן ערלעכע אידן, און יעדער קרייז מיט זיינע פראבלעמען לויט זיין ארט לעבן. ס׳איז נישטא קיין גאראנטיע פאר קיינעם, און כל הקדוש מחברו חרב מחברו... מ׳דארף נאר שטיין אויף דער וואך און היטן. דאס טאקע, האט דער רבי געטאן.

דער שענסטער פעריאד אין לעבן פון אונזער רבי׳ן, איז געווען, די ישיבה-תקופה אין סאטמארער ישיבה, וואו ער האט מקדיש געווען זיין טייערע צייט צו לייזן, פארעכטן און אויסבעסערן די ערנסטע תורה-דערציאונג׳ס פראבלעמען, וואס ער האט זיך אנגעשלאגן אין זיי, צווישן די ישיבה-ווענט. ער איז געווען שאקירט צו זען, אז דער ישיבה עלעמענט, איז נישט דאס, וואס ער האט זיך פארגעשטעלט. זייער ווינציק אמת׳דיקע יראת שמים׳דיקע בחורים. טאקע שפיץ קנאות, אבער, לײדער, צוזאמען מיט א סך פארדארבנקייט. עס האבן זיך נישט געפונען דעמאלט א סך בחורים זאלן קענען נעמען אויף זיך דעם עול פון מתקן די שווערע פראבלעמען. אונזער רבי איז געווען פון די יחידי סגולה, וואס האבן גענומען אויף זיך די דעלעקאטע און שווערע אויפגאבע. במשך זיין ישיבה תקופה איז אים געלונגען צו מאכן א פונדאמענטאלע איבערקערעניש, צום גוטן.

פון מאמענט וואס אונזער רבי איז, אריינגעשפרונגען אין די ברויזנדיקע וואסערן ווי א „נחשון" און געשוואומען קעגן שטרום, האט ער זיך מער נישט אפגעשטעלט פון זיינע פעולות טובות. געבעטן און געווארנט, נישט צו רעדן אין מיטן דאווענען; גרויס מי פארלייגט מ׳זאל נישט לייענען קיין צייטונגען, פסול׳ע זשורנאלן און ענלעכס, ביז צו זיין לעבנס-ווערק, דער קאמף פאר אמת׳ע כשרות. אויף דעם געביט

איז, לידער געווען „פרוץ מרובה על העומד". נאכערגער, קיינער האט זיך נישט אומגעקוקט אויף די ענינים. א געוואלטיקע גלייכגילטיקייט האט געהערשט אין דעם פעלד, ביז ער האט גענומען וועקן און דערקלערן, וואס טוט זיך דא. למשל, עסן געפילט קרויט אומגעקליבן. לכאורה, א „קלייניקייט", עסן א ווערימל, איז „נישט מער" ווי פינף לאווין... ואין פוצה פה ומצפצף. כדומה, נאך צענדליקער פראבלעמען, וואס ס'איז נישט געווען ווער ס'זאל זיך אויף דעם אומקוקן.

מיר זענען דא נישט אויסן צו דערציילן, ספעציעל, אונזער רבינ'ס גרויסע מלחמה וועגן עצם כשרות השחיטה. דאס וועט קומען אין די ווייטערדיקע קאפיטלען. די הונדערטער ספרים און טויזנטער ארטיקלען, זענען כשר'ע עדות, וועגן זיין מלחמה במסירות נפש בפועל ממש, מתקן זיין דעם ענין. כאטש די ספרים זענען נאר צונויפגעקליבענע מקורות, אבער, די עצם זאך וואס אלע מקורות געפינען זיך אויף איין ארט, דאס אליין איז שוין א געוואלדיקער אויפטו און תיקון אויף דעם געביט.

אויף יעדן געביט וואס דער רבי האט מעורר געווען און געמאנט א תיקון, האט ער באלד צונויף געקליבן פון אלע מקורות וואס רעדן וועגן דעם ענין, און פארעפנטלעכט אין פארם פון א ספר, אדער, א חוברת וכדומה. זיינע קעגנער, האבן אים נישט געקענט ביי קומען, ווייל ער האט שטענדיק געהאט אויף זיין זייט, אלע מקורות וועגן ענין וואס ער מאנט. האט ער געטאן וועגן „ענטפערן אמן", איז באלד געדרוקט געווארן דער חשוב'ער ספר „ואמרו אמן", און כדומה, אויף יעדן געביט.

מיר ווילן דא נאטירן בקיצור, שטריכן פון זיין „נקודה" זיין קאמף פאר כשרות השחיטה וכו'. דער רבי שליט"א האט זיך אויסגעלערנט די אומנות פון שחיטה און בדיקה. ער איז שוין

דעמאלט פארדעכנט געווארנט צווישן די בעסטע שוחטים. אריינגעקומען אין דעם פלעד מיט דער האפענונג, צו קענען דערפילן זיין גרויסע שליחות. א שליח פון ערלעכע אידן וואס זענען אפגעהיטן פון דעם מינדסטן חשש. ער האט געגלייבט באמונה שלימה, אז די אויפגאבע פון א שוחט איז, א גאר הייליקע, און לעבנס וויכטיקע. אין א געוויסן זין, אפילו העכער פון א רב. מיט אן אינערלעכן געדראנג, צו דערפילן דעם פארלאנג פון יעדן אפגעהיטענעם איד, אז דער שוחט זאל שחט'ן און בודק זיין לויט די הלכה, האט ער זיך צו געשטעלט ווי א געטרייער סאלדאט, צום העכסט-פאראנטווארטלעכן אמט, ביי אידן.

ער האט זיך אבער, לײדער, זײער שנעל, ביטער אנטוישט. א נייע וועלט האט זיך אנטפלעקט פאר אים. וועגן פארזיכטיק זיין אויף חומרות און הידורים, איז שוין אפגערעדט. נאר אפילו, אויף עיקר יסודי כשרות, פון שוחט און שחיטה, האט ער גערארפט קעמפן ווי א לייב, מיט גרויס מסירות נפש. זיין געוויסן, האט אים נישט געלאזט רוען. צו אזא אופן שחט'ן, האב איך גערארפט קומען אהער. קעגן אלעם, וואס ער האט געלערנט און מקבל געווען, פון זיינע גרויסע עלטערן און רבי'ס. ערגער פאר אלעם, איז נאך געווען, וואס אין רוב פעלער האט זיך געהאנדלט, וועגן מאכיל זיין כלל ישראל, מיט נבילות און טריפות. א זאך, וואס ער האט נישט געקענט צו לאזן, עס זאל אזוי גיין ווייטער. צום אלעם ערשטן, האט ער זיך געווענדן צו די בעלי בתים פון די שעכט-הייזער. און נאכער צום רב-המכשיר. פרובירט צו פארבעסערן און צוריקשטעלן צום ריכטיקן אופן, ווי א מהודר'דיקע שחיטה דארף אויסזען. ער האט דאך געהאפט, אז ס'וועט אים געלונגען צו ענדערן, דעם זייער אומאנגענומענעם מציאות.

די בעלי בתים האבן אויסגעהערט זיינע בקשות, מתקן צו זיין די שחיטה, מיט גלייכגילטיקייט און שפאט. ער איז נאך דעמאלט געווען זייער נאאיוו צו פארשטיין אז, תיקונים וואס דארפן קאסטן געלט, זיי איינצופירן אין פאקט, זענען די בעלי בתים נישט די ריכטיקע אדרעס. ער האט אויך נישט פארשטאנען, דעמאלט, אז ביים בעל הבית, איז זיין געלט, ביליכער ווי די גאנצע הלכה פון שחיטה. די ערשטע לעקציע אין הלכות החיים, האט אים אויפגעמאכט די אויגן, ווי בעלי בתים קוקן אויף תורה און הלכה.

איינזעענדיק אז מיט די בעלי בתים קען ער גארנישט אויפטאן, האט ער זיך געוואנדן צו די משגיחים. אבער, אויך די משגיחים, האבן געציטערט פון זייערע ברויט-געבער.

מיט גרויס צעבראכנקייט, האט ער זיך געוואנדן צו די רבנים המכשירים. האפנדיק, בוודאי ביי זיי, וועט ער שוין פוילן אלעס צום גוטן... די רבנים האט נישט געפאסט אים אפצוזאגן גלייכגילטיק. סוף-כל-סוף, זענען זיי דאך, די שיינע הערלעכע רבנים. זיי האבן אבער נישט געהאט דעם מוט צו זאגן דעם ביטערן אמת: אז זיי אליין, פארקוקן וועגן, און וואו מ׳דארף... און... האלטן דאס מויל פארזיגלט אלס מורא. טאמער, וועט דער בעל הבית, זיי נישט שיקן דעם גרויסן טשעק... זיי האבן אים צו נאר געמאכט: יא, מארגן, איבערמארגן, ס׳וועט שוין זיין גוט!...

סוף-כל-סוף איז געלונגען פאר רבין, דער האלמינער רב שליט״א, דורך זיינע הארציקע און הערלעכע ווערטער, אנצואווארימען די רבנים, צו טאן עפעס ממשות׳דיק, צוריקצושטעלן די שחיטה אויפן ריכטיקן אופן. אבער, מעשה שטן הצליח, און איינער פון די רבנים המכשירים, וואס איז אליין א שותף, צו א גרויס פלייש-געשעפט, האט זיך געלייגט, אין דער

לענג און דער ברייט, נישט צו צולאזן, מתקן זיין עפעס. טאמער, וועט דאס אנרירן די קעשענע פון די בעלי בתים. ער האט געקעמפט ווי א צערייצטע חי׳, פאר די געלט-זעק... און חלילה ניט, פאר א ערלעכע שחיטה. דעם רבינ׳ס אלע באמיאונגען צו פארמיידן, אז אידן, וואס עסן נאר פון דער שחיטה, פון התאחדות הרבנים, זאלן נישט געשטרויכלט ווערן מיט נבילות און טריפות, האבן זיך אויסגעלאזט מיט גארנישט. ווייל דער רב-המכשיר, דער שותף פון עמלק, האט חס געווען אויף די פאר דאלאר, מער ווי אויפן כבוד שמים... שטילערהייט האבן די ערלעכע שוחטים און משגיחים מחזק געווען דעם האלמינער רב שליט״א, אבער, אין דער עפענטלעכקייט האבן זיי געשוויגן, פארכטנדיק, פאר זייערע פרנסות.

חסדי השם וואס דער רבי שליט״א, ווען ס׳איז נוגע כבוד שמים, פארנעמט נישט ביי אים קיין ארט, נישט נאר געלט, נאר, אפילו דאס שטיקל ברויט, פון זיין פרוי און קינדער. פון זיך, איז דאך שוין אפגערעדט. ער האט באשלאסן: וויבאלד קיינעם ברענט נישט די זאך ווי מיר, איז זיכער, אז מן השמים וויל מען, ער זאל ארויסגיין אין קאמף למען כבוד שמו. ער האט זיך אפגעזאגט פון שחיטה-פאסטן. ראשית, נישט צו זיין פאראנטווארטלעך, פאר נבילות און טריפות, און צווייטנס, כדי זיך קענען נעמען צו דער מערכה פון תיקון השחיטה.

* * *

ווי געזאגט, איז דער ביאגראפיע-העפט נישט מער, ווי א טראפן פון גרויסן ים, פון דער די תיקונים און אויפטוען פון אונזער גרויסן רבין, דער האלמינער רב שליט״א.

(זע באריכות און די כשרות חיבורים וואס דע רבי שליט״א האט פארעפענטלעכט און דורך זיי געקעמפט קעגען די קצבים רבנים שותפים של עמלק).

# דער גראנגל פאר אידישקייט
# עקזיסטענץ און אונזער צייט

**חברה מזכי הרבים העולמי**

בנשיאות הרה"ג מוהר"ר
רבי שלום יהודה גראס שליט"א
רב וקהל "מגן שאול" ד"האלמין"
ור"מ בישיבה וכולל "בית ישעי"
"מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"
c/o [illegible] S.Y. GROSS 4711 12th Ave. Suite A-5
Brooklyn N.Y 12119

**מכון להוצאת ספרי יהודה וישראל**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
נשיא
"יועד הכשרות והתאחדות הקהילות"

"קובץ כל ספרי ניקור המובהקים" י' חלקים (קי"ח חיבורים).
"ספרי שמירת השבת והכשרות" ד' חלקים (כ"ח חיבורים).
"מדריך לכשרות ולהזוח הדת" (ס"ב חלקים).

כל "קובץ ספרים בעניני כשרות" ו' חלקים (ס"ב חיבורים).
שו"ת "שמות ש"י" על או"ח ויו"ד (ג' חלקים וסדר)
"שם ישעי" על מסבלות ואסורות (י"א חלקים).

## חדשות שלא היה לעולמים

ראה זה חדש אשר לא הי' לעולמים סעט שלם כפארמאט
מסודר ומהודר הכולל כל עניני כשרות השייכים בזמן הזה
בכל העולם כולו

## "קובץ ספרים בעניני כשרות"

**ששה חלקים**

**הסעט כולל הרבה חיבורים אשר**
**תוכנן רב גווני שלא נראה עדיין**
**כבושם הזה**

# 9000

**הן הענינים הנידונין בסעט הנ"ל ומהם:**

**אטליז (בוטשער) — דגים — הכשרים — חלב**
**עכו"ם — שחיטה — בדיקה — ניקור —**
**מליחה — משגיחים — קצבים — רבנים —**
**תולעים — ועוד ועוד**

נחוץ כאויר לנשימה לכל בר ישראל לידע המכשולות
השכיחים והיאך להינצל מהם כי זהו הבטחון היחידי שתשאר
ביתו בית נאמן בישראל וימשיכו דורותיו האמונה בד' ובתורתו
הקדושה עד ביאת הגואל (כמבואר בפר"ח סי' פ"א ושו"ת
ד"ח ח"א יור"ד סי' ו')

**הסעט כולל 2500 עמודים ומחירו $36.00**

**להשיג אצל המחבר:**
RABBI SHLOM Y GROSS
4711 / 12th Ave
BROOKLYN N Y 11219

## חדשות בעולם התורני

הופיע ויצא לאור ספרי

## "שמירת המצוות כהלכתן"

ארבעה כרכים מהודרים
מכיל קרוב ל-2000 עמודים
מאת הגאון הנודע בשערים מוהר"ר

**רבי שלום יודא גראס שליט"א**

הסעט הוא יחיד במינו בכל העולם
כולו נסדר במומחיות גדולה חלק
ההלכה משולב למעשה לפי סדרי
החיים שבזמננו בכל מכמני התורה
הנהוגים יום יום ומהם: ה' ציצית,
ס"ת, תפילין, מזוזות, שבת, וצניעות -
דיני ביהכ"נ דיני תפלה - קרה"ת - גיטין
- צורת יהודי - יחוד - צדקה - ועוד.
כבר נדפסו הרבה פעמים
פעם אחר פעם וממש נחטפו מן השוק
לגודל יקר חביבותם.
כעת אפשר להשיגם במספר מצומצם
של עותקים וכל הקודם זוכה

**מחיר הספרים $28.00**

נ.ב. אויב עס ווייטינט אייך א מירצה אדער
נאכלעסיגקייט אין א געוויסע מצוה און
איר ווילט אויפקלערן די דינים פאר די
מאסען לעילוי נשמת אייערע נאנטע
לזכות הרבים. ביטע רופט: 718-436-8086

# זכרונות־העפט פון אונזער גרויסען־הייליקן האָלמינער רבי שליט״א

## קאפיטל 1

### קינד און יוגנט יארן פון רבין

די אטמאספער אין פאטערס הויז, דער אויסגערופענער צדיק און חסיד ר׳ ישעי׳ זאב גראס זצ״ל, פון חיפה, ארץ ישראל, וואו ער איז אויפגעוואקסן און דערצויגן געווארן, פון די מוטערס מילך, דורך די חדר און בחור-יארן, איז געווען בלויז א הייליקע און ריינע יראת שמי׳מ׳דיקע. דעריבער איז נישט מער ווי רעכט, אז יעדער זאך וואס איז געווען פארקערט פון דעם, האט אים זייער געשטערט און ווי געטאן.

אין געזעלשאפטלעכן לעבן און ספעציעל צווישן א גרויסן צבור, איז נאטירלעך, אז עס געפינען זיך מענטשן און

דערשיינונגען, וואס שטעלן נישט פאר מיט זיך, דעם ריכטיקן חינוך גייסט, דעם גייסט פון אן ערלעך, אידיש לעבן. נישט ווילנדיק, פארקרומען זיי און פארוואסערן, דעם וועג פון ארגינעלן אידישן חינוך, און דאס קען זיך, מיט דער צייט פארוואנדלען, חלילה, אין א קאטאסטראפע. דעריבער, האבן די זאכן נאטירלעך, נישט געלאזט רוען דעם רבין. ספעציעל, ווען ס׳רעדט זיך וועגן, כלומר׳שט, דעם שענסטן טייל פון ארטאדאקסישן אידנטום. ס׳האט אים אנגערייגט, צו טאן אלץ וואס נאר מעגלעך, קעגן דעם. ער דערציילט, וואס אזוינס, האט אים באוואויגן דעמאלט צו טאן, און טוט נאך היינט, די אלע פעולות קעגן די פארשידענע פרצות און מכשולים. אומקוקנדיק, ווי די מאסן זענען נאכגעלאזט אין פארשידענע ענינים, און קיינער טוט גארנישט קיין ממשות׳דיקע פעולות. חלילה, כאילו, רעזיגנירט. מ׳רעדט אין מיטן דאווענען, שמונה עשרה, קדיש און קריאת התורה. האט ער ביי די 20 יאר, אפגעדרוקט דאס ספר **״ואמרו אמן״**. כדי, אפשר, דורך דעם, וואס מ׳וועט זען, ווי הארב עס איז, דער איסור, וועט מען זיך מונע זיין פון דעם. ער האט דאס ספר צו געשיקט צו אלע רבנים און שולן, אומזיסט.

ער איז אפילו אליין געגאנגען, פון שול צו שול פארקויפן דאס אויבנדערמאנטע ספר, צו פריוואטע מענטשן, פאר א זייער ביליקן פרייז ווי א האלבן דאלאר. (וועגן די היסטאריע פון ספר **״ואמרו אמן״** זע ווייטער אין די צוגאבן).

# קאפיטל 2

## מאנט און ווארנט נאך אלס יונגער בחור

אנקומענדיק קיין אמעריקע האט ער געלערנט אנדערהאלבן יאר אין דער סאטמערער ישיבה. ער האט דארט געטראפן, געציילטע אויף די פינגער, יראת שמים'דיקע בחורים, די איבעריקע זענען געווען גרונדלעך, מאראליש פארדארבן. ער האט געלערנט מיט די פאר געציילטע בחורים, שיעורים אין באוואוסטן מוסר-ספר, ראשית חכמה, קאפיטל 17, כדי זיי זאלן וויסן, וואס פארא גרויסע עבירות זיי זענען עובר, און זיך באמיען צוריקצוהאלטן פון דעם. איינער פון די אויפזייער (משגיחים) האט אים דעמאלט געזאגט: מ'דארף בכלל נישט לערנען וועגן די זאכן. דער רבי שליט"א, האט אלס אן ענטפער געפרעגט דעם משגיח: צו ווייסט איר, אז צווישן אלע בחורים פון ישיבה, וועט איר אפשר טרעפן 5-6 בחורים, אמת'דיקע יראי השם? מ'איז דאך דא עובר עבירות עפנטלעך. ממש א שרעק... ס'זענען דא בחורים, וואס ווייסן אפילו נישט, אז זיי טיהען הארבע איסורים, ווייל קיינער האט מיט זיי גארנישט, געלערנט. טא פארוואס זאלן זיי נישט זינדיקן?... אויף דעם האט דער משגיח געענטפערט: מ'דארף לערענען מיט זיי ,,חובת הלבבות" און מיט זייער אייגענעם שכל וועלן זיי שוין פארשטיין, וואס יא און נישט, צו טאן.

*

## רעדן אין מיטן דאווענען

רעדן אין מיטן דאווענען, איז געווען א נארמאלע דערשיינונג. אפילו די בעסערע בחורים, אדער שענער געזאגט, אפילו די לומד'ישע בחורים, האבן גערעדט אין מיטן דאווענען זייער געמיטלעך און קיינער האט זיי נישט געווארנט, אדער,

געשטערט. אמן יהא שמיה רבא, מיינט מען דאך נישט זיי. מ׳האט אפילו נישט געטארט שטערן אין מיטן זייער אינטערעסאנטן שמועס. דער האַלמינער רבי פלעגט זיך טאקע אין מיטן ״חזרת הש״ץ״ אדער ״קדיש״ דרייען צווישן די שמועסערס, געווארנט און געשטערט רעדן. זיי האבן אויף אים געקוקט ווי אויף ״א לא עלינו״... וואס האט שוין נישט קיין אנדערע דאגות, נאר, צו מ׳זאגט אמן, אדער, נישט.

ער האט זיך דורכגעשמועסט מיט די ראשי ישיבות וועגן דעם. א טייל פון זיי זענען געווען זייער גלייכגילטיק צו דעם גאנצן ענין. זיך פרובירט ארויסדרייען מיט פארשידענע אויסריידן. אנדערע ווייטער, האבן געזאגט: מ׳דארף טאקע לערנען מוסר ספרים, אבער די נסיונות און שטרויכלונגען זענען זייער גרויס, און דער רבי שליט״א [סאטמארער רבי זצ״ל] זאגט דאך שוין מוסר, און ווי ער האט זיך אויסגעדרוקט, עטלעכע מאל, ווייסטער גענוי אלע מעשים פון יעדן בחור, ממילא איז אלץ אויף זיין פאראנטווארטלעכקייט...

למען האמת, דארף מען פעסט שטעלן: ס׳זענען געווען בחורים וואס האבן געוואלט, באמת זיין יראים און שלמים, אבער זיי האבן נישט געוואוסט, וויאזוי? וואס מ׳מעג און וואס נישט.

ס׳איז דא א סך וואס צו דערציילן פון יענע שרעקלעכע תקופה, נאר דאס, ביי אן אנדערע געלעגנהייט [פאר רבין איז נישט געווען קיין איבערראשונג ווי די ישיבה בחורים זעען אויס. נאך צענדליקער יארן, האבן שוין אלע געזען].

שפעטער, אלס אינגערמאן האט אונזער רבי אויסגעפונען, אז אויך צווישן די אינגעלייט איז די מאראלישע פארדארבנקייט זייער גרויס. ער האט זיך דורכגעשמועסט מיטן מנהל פון דער

מיידל סקול "בית רחל", הרב בערקאוויץ און אים געפרעגט: ווי קומט דאס אז די אינגעלייט זענען אזוי פארדארבן? זיין ענטפער איז געווען: דער עיקר פראבלעם איז, מיר האבן נישט גענוג כשר לייען מאטעריאל אויף אלע געביטן פון לעבן, ממילא איז שוין גארנישט קיין וואונדער... דעריבער טאקע האבן מיר באשלאסן, ארויסצוגעבן פארן ברייטן ציבור, כשר'ן לייען-מאטעריאל אויף פארשידענע לעבנס-געביטן, צו פארמיידן, ווי ווייט מעגלעך מ'זאל נישט לייענען טרף-פסול...

* * *

# קאפיטל 3

## טהרת המשפחה אקציע

באלד נאך זיין חתונה פלעגט אונזער רבי שליט"א גיין צום שיעור פון קאפישער רב זצ"ל, ער פלעגט פארלערנען שו"ע יו"ד, צווייטן חלק. ער איז געווארן זייער נאענט מיט אים. יעדן פרייטיק פלעגט ער קומען צו אים, זיך דורכשמועסן וועגן אקטועלע כולל-אינגעלייט ענינים, ווי אויך וועגן ערנסטע פראבלעמען וואס פלעגן פארקומען יעדן טאג.

קאפישער רב פלעגט זיך שטארק אפרעדן און געזאגט: אז דער מצב אין ענינים פון טהרת המשפחה איז זייער, זייער נישט אין ארדענונג. ספעציעל, אז פון צווישן אזויפיל אינגעלייט כ"י, קומט מען כמעט, נישט פרעגן קיין שאלות איסור-והיתר. ס'דארף באטאנט ווערן, אז דער רב, איז אין זיין צייט, געווען פון די געציילטע רבנים, וואס האבן געענטפערט אויף שאלות וועגן די ענינים. ס'איז דעמאלט אויפגעדעקט געווארן, אז גערויסע פרויען פון חשוב'ע אינגעלייט היטן בכלל נישט אפ די דינים פון טהרת המשפחה א.ד.ג. און זייערע מענער האבן אינגאנצן גארנישט געוואוסט וועגן דעם.

## עם הארצות

אויסהערנדיק די ווערטער פון קאפישער רב, האט דער רבי אים געפרעגט: אפשר פרעגן די דאזיקע אינגעלייט אנדערע רבנים, אויסרעכנענדיק די נעמען פון לאנצבערגער רב, שאפראנער רב, פאפא רב, סאנבאטהעלער רב, און נאך? אויף דעם, האט דער רב געענטפערט: איך האב גערעדט וועגן דעם, מיט די רבנים, וואס איר האט פריער דערמאנט. אלע האבן מיר געזאגט, די זעלבע זאך. צוגעבנדיק: דאס עם הארצות איז גרויס, בוודאי, איז דאס דער גורם צו אלעם.

באלד דערנאך, האט דער רבי פארעפנטלעכט דאס ספר פון **"חפץ-חיים"**, אויף דעם געביט, מיטן נאמען: **"גדר עולם"** אין פינף טויזנט עקזעמפלארן און צו געשיקט אין אלע מקואות.

א צייט שפעטער, באגעגנט אים **ר' מעכעלע ניימאן** שליט"א און דערציילט, דאס ער ארבעט אויף א ספר וועגן ענינים פון **טהרת המשפחה**, און נויטיקט זיך אין הילף ווי אויך צו פארעפנטלעכן, כדי צו קענען שיקן דאס ספר אין אלע מקואות, איבער גאר דער וועלט. (זע צוגאבן).

*

## טהרת המשפחה

מיט דער הילף פון ר' **הערשל וועבער** האט דער רבי פארעפנטלעכט א ספר אויף דעם געביט אין 12 טויזנט עקזעמפלארן. נאך א געוויסע תקופה האבן זיי פארעפנטלעכט א נייע אויפלאגע, אלס א צוגאב צו די פריערדיקע, אין 20 טויזנט עקזעמפלארן. די דריטע אויפלאגע האבן זיי פארעפנטלעכט אין 40 טויזנט עקזעמפלארן. אין א פעריאד פון א האלב יאר איז ארויסגעגעבן געווארן 72 טויזנט ספרים אויף דעם געביט.

דאס איינפאקן און ארויסשיקן די אויבנדערמאנטע ספרים איז איינגעטיילט געווארן צווישן רבינ'ס שטוב און זיין שכן, דער פריער דערמאנטן ר' הערשל וועבער, נ"י, וואס האבן ביידע געוואוינט אין איין הויז, אויף 171 טיילור סטריט, אין וויליאמסבורג. זיי פלעגן שיקן פאר יעדער מקוה פעק ספרים, שטענדיק מער וויפיל מ'דארף, כדי ס'זאל קיינמאל נישט אויספעלן.

ר' מיכעלע ניימאן שליט"א האט פארגעזעצט זיין ארבעט אויפן אויבנדערמאנטן ספר, אים פארבעסערט, פארשענערט, און איבערגעזעצט אין עטלעכע שפראכן.

# קאפיטל 4

## פארפענטלעכט מוסר און יראת שמים ספרים

דער רבי שליט"א, האט פארגעזעצט זיין הייליקע ארבעט, פארעפנטלעכט די ספרים: **"נדחי ישראל" אין אידיש פון חפץ חיים; לב טוב שמחת הנפש; אבן שלמה פון ווילנער גאון; טעמי המנהגים אין אידיש.** מיטן פארשפרייטן די ספרים האט זיך געשאפן א מציאות, אז ס'איז שוין געווען וואס צו לייענען. דער אויבנדערמאנטער הרב בערקאוויץ, האט געזאגט צום רבין: מ'דארף דרוקן נאך כשר'ע ספרים, כדי צו ראטעווען כלל ישראל, וואס געפינט זיך אין א גייסטיקע סכנה, צוליב די פסול'ע ספרים. ער האט אונטערגעשטראכן, אז די גייסטיקע ירידה פון דור שטאמט נאר פון דעם, וואס מ'לייענט פסול'ע ספרים. זיינע ווערטער האבן, דעם רבין שליט"א

אריינגעבראכט אין א דראנג און שוואונג, זיך אין גאנצן אריינצואווארפן, נאכצוזוכן אזעלכע סארט ספרים, זיי פארעפנטלעכן און פארשפרייטן. אז מ׳וויל זוכט מען, און מ׳געפינט. ער האט זיך אבער זייער שנעל איבערצייגט, אז די מענטשן זענען אין גאנצן נישט פאראינטערעסירט אין מוסר ספרים. ער האט זיי, געמוזט פארקויפן בחצי חינם, און הזיק געהאט, צוליב דעם, א סך געלט. ער האט באשלאסן, פארשפרייטן מוסר דורך א טריק: פארעפנטלעכן און פארשפרייטן מעשה-ביכלעך און אריינוועבן אין זייער אינהאלט מוסר און מדות טובות. ער האט פארשטאנען, אז דאס איז, דער איינציקער וועג, ווי אזוי ס׳זאל צוקומען א ווארט מוסר צו די ברייטע מאסן.

*

## אין ליכט פון תורה

מיט גרויס מי, איז געלונגען פארן רבי׳ן צו פארעפנטלעכן, א ספעציעלן סעט פון 20 פארשידענע סארט ספרים, אונטער דעם נאמען **״אין ליכט פון תורה״**, געדרוקט און געבונדן זייער שיין, און פאר א גאר ביליקן פרייז, ווי 8 דאלאר. ס׳זענען געדרוקט געווארן 2.500 עקזעמפלארן פון יעדן ספר. סך הכל ארום 50 טויזנט ספרים. אין מיטן דרוקן די אויבנדערמאנטע ספרים, האט ער צוגעגרייט נאך 4 חלקים 21-24, אלס א צוגאב צו די אויבערשטע 20, געדרוקט אין א שיינע דיקע באנד, צו 2 טויזנט עקזעמפלארן יעדן חלק, סך-הכל 8 טויזנט ספרים. דאס אויסזוכן די אויבנדערמאנטע ספרים און נאך, זיי קאראגירן און רעדאגירן האט געפאדערט זייער א סך צייט און מי, שוין אפגערעדט פון א פארמעגן געלט, וואס וואס איז נישט געווען ביכולתו דאס צו באווייזן. ער האט דעמאלט ארויסגעגעבן נאענט צו 100 ספרים. אויך פארעפנטלעכט מודעות וועגן די ספרים.

ער האט דעמאלט גענומען א הסכמה פון שארמאשער רב זצ"ל. דעם נוסח פון די הסכמה און די מודעות (זע צוגאב).

# קאפיטל 5

## ווארנט אפצוהיטן זמן קריאת שמע און תפלה

אין יאר תשכ"ט, ווען דער רבי האט געזען, אז דער צבור איז נישט געווארנט צו זאגן קריאת-שמע און דאווענען אין צייט. זיי קומען אין בית מדרש שפעט, האט ער באשלאסן ארויסצוגעבן א ספר וועגן דעם. ער האט געזוכט ארויסצוגעבן דעם פאסיקסטן ספר, אויף דעם געביט, און מיט מזל געפונען א גרייט ספר אונטערן נאמען: **"שעות צדיקים אזהרת זמן קריאת שמע ותפילה"** (זע צוגאב).

# קאפיטל 6

## ובלכתך בדרך"

אין א געוויסן טאג, האט דער רבי געדארפט פארן קיין מאנהעטן. אזוי פארנדיק האט ער זיך אומגעקוקט ווי א צבור ערלעכע אידן, פארט יעדן טאג צוויי שעה, אהין און צוריק. ס'רוב פון זיי, אנשטאט ארייצוקוקן אין א אידיש ספר, לייענט מען אלע סארט צייטונגען, אפילו אזעלכע וואס מ'טאר זיי אפילו נישט אנקוקן. על אחת כמה וכמה, נעמען אין האנט. ער האט געפרעגט די מענטשן, היתכן, מ'זאל נישט נעמען א חומש אדער אן

אנאנדער ספר אין האנט, אנשטאט די אויבנדערמאנטע צייטונגען? דער ענטפער איז געווען: ס'איז פאר זיי צו שווער, מיטצונעמען יעדן טאג, א דיקע באנד אין האנט, אויפן וועג צו און פון דער ארבעט! ער האט באלד באשלאסן, דאס עס פאדערט זיך, צוצוגרייטן א ספר וואס ס'זאל זיין צוגענגלעך פאר אלע, אין אינהאלט און געוויכט, כדי מ'זאל דאס לייכט נוצן, אויפן וועג. דאס פאסיקסטע ספר איז, האט ער באשלאסן, צו דרוקן דעם „חק-לישראל", יעדער פרשה באזונדער, מיט גרויסע און קלארע אותיות און א אידישע איבערזעצונג. ער האט זיך באראטן מיט די גרויסע רבנים, זיי אויפגעקלערט די דרינגענדע באַדערפעניש פון אזא ספר. אלע האבן מסכים געווען מיט אים. ער האט גענומען א הסכמה פון שארמאשער רב זצ"ל. דער רבי להבל"ח איז געווען זייער נאענט מיט אים.

ער האט קאראגירט דעם גאנצן „חק-לישראל". פאראכטן מיט א סופר'ישע פעדער אלע צעבראכענע אותיות, מ'זאל זיי קענען קלאר לייענען. אויך האט ער צוגעדרוקט אנווייזונגען, וואס זענען מעורר וועגן לערנען יעדן טאג חק לישראל.

*

## מ'לערנט „חק-לישראל" אויפן וועג

ער האט מיט אמאל, געדרוקט 4 סדרות, און ארומגעפארן אויף די ספעציעלע באסעס, וואו אידן פארן קיין מאנהעטן צום מסחר אדער ארבעט, פארשפרייטן דעם "חק". אויך איז ער ארומגעפארן אין די אידישע פאבריקן און פארקויפט דעם „חק". דער פרייז פאר יעדן פרשה איז געווען 50 סענט. דער אידישער צבור האט אים ווארים אויפגענומען און געקויפט די „חק'ן". אזוי ארום, איז אים געלונגען, איינצוגעווארינען דעם עולם, צו לערנען אויפן וועג צו און צוריק פון דער ארבעט.

## דער גערואנגל פאר אידישקייט עקזיסטענץ און אונזער צייט

אין יאר תשכ״ט האט ער אפגעדרוקט 54 באזונדערע פרשיות. יעדער פרשה צו 1,500 עקזעמפלארן, סך הכל 81 טויזנט עקזעמפלארן. אויך האט ער געדרוקט 500 סעט אלע פרשיות צוזאמען אין 10 דע-לוקס בענדער, סך הכל 5 טויזנט באנד. די ארבעט ארום דעם ,,חק״ האט זיך געצויגן צוויי און האלב יאר. ער איז פארזונקען אין חובות פון 30 טויזנט דאלאר. ער האט צוגעלייגט צום ,,חק״-פראיעקט א 10 טויזנט דאלאר. דאס איז געווען א גייסטיקע און פיזישע שווערע ארבעט. די סיבה פארוואס ער האט פארלארן אזא סכום ארום דעם ,,חק״, איז געווען א דרייענדיקע:

1) ווייל ער האט נישט געדרוקט אלע מיט אמאל און פארקויפט גאנצע סעטס, צוליב פינאנציעלע שוועריקייטן.

2) וויבאלד ער איז אליין ארומגעפארן פארקויפן, האט זיך געמאכט, אז אין א געוויסע וואך האט ער נישט געקאנט גיין, איז אריסגעקומען, אז איין וואך האט ער פארקויפט 700 הונדערט עקזעמפלארן, די אנדערע וואך נאר 200 הונדערט עקזעמפלארן. ממילא האט אים געפעלט פון די סעטס א סך פרשיות, און צו צודרוקן נאך 2 הונדערט פרשיות, קאסט אזויפיל ווי טויזנט.

3) די סקלאדן וואו די ספרים זענען געלעגן, זענען צוויי מאל פארפלייצט געווארן. זייער א סך ספרים זענען קאלע געווארן. ער האט געמוזט פארקויפן די גאנצע סחורה פאר א פערטל געלט, פון פרייז. ס׳איז נאך געווען א חסד, וואס א סך פון זיינע חובות האט ער אפגעווישט מיט סחורה. ער איז געווען זייער נאאיוו, און נישט פארשטאנען די וועגן פון מסחר, וויאזוי צו מאכן געלט. מ׳איז אים, נאך עד היום, שולדיק א סך געלט, פאר די ספרים. טייל בעלי חובות זיינע, האבן קיינמאל נישט אפגעלייקנט אז זיי

זענען שולדיק, נאר פשוט, ,,אין לי״... דער עיקר, די ,,חק׳ן״ האט מען איבערגעדרוקט אין עטלעכע אויפלאגן... (זע צוגאב).

* * *

# קאפיטל 7

## ווערט אטאקירט פאר ווארענען...

אויפן וועג קיין אמעריקע, ווען אונזער רבי איז דעמאלט אלט געווען, סך הכל, קוים 16 און האלב יאר, איז ער איינגעשטאנען אין אנטווערפען, בעלגיע, ביי זיין פעטער, הרה״ח המפ׳ ר׳ אברהם שמואל גראס נ״י. צוליב שווערעקייטן מיט דער אמעריקאנער וויזע האט זיך זיין אויפנטהאלט פארצויגן דריי חדשים. דורך די צייט וואס ער האט דארט פארברענגט, איז זיין קביעות צו דאווענען, רוב מאל, געווען ביי דעם צדיק ר׳ איציקל זי״ע, וואס האט אים זייער מקרב געווען.

פון צייט צו צייט, פלעגט ער, גיין דאווענען אין סאטמארער בית המדרש. ווייל ס׳איז געווען נאנט צו, וואו ער איז איינגעשטאנען. אין דעם בית מדרש איז געווען, א איד א תלמיד חכם, וואס פלעגט יעדן טאג פארלערנען א שיעור, פאר אן עולם. אבער, פלעגט נישט אויפהערן צו שמוסן בעת דעם דאווענען, חזרת-הש״ץ און קדיש. ער איז צו אים צוגעגאנגען עטלעכע מאל און געוויזן דעם ,,משנה-ברורה״ אז מ׳טאָר נישט רעדן אין די זמנים. ס׳ערשטע מאל ווען ער האט אים דאס געוויזן, האט דער חשוב׳ער שמועסער, אים אפגעזידלט, און אנגערופן מיט אן עפיטעט: ,,מחוצף!״; צווייטע מאל ווען ער האט אים פארגעהאלטן וועגן רעדן, האט ער אים דערלאנגט ,,א מתנת יד״ אין פנים. גראדע האט זיך דעמאלט געפונען דארט, א חשוב׳ער איד, א ירא שמים, מיטן נאמען ר׳ זלמן בינער, איז ער

צוגעגאנגען צום רבי'ן נאכן דאווענען, האט אים שטארק מחזק געווען. ווי איך דערציילט, אז ער האט ביי זיך א טייער ספר וועגן ענטפערן „אמן" אונטער דעם נאמען: „ואמרו אמן".

* * *

## ארום ספר „ואמרו אמן"

דער פריער דערמאנטער איד האט געגעבן דעם רבי'ן דאס ספר „ואמרו אמן". ער האט דאס אויפמערקזאם דורכגעליינט. דאס ספר האט אים נאך מער געשטארקט, וועגן דעם ענין. ער האט ווייטער געווארנט דעם אויבנדערמאנטן תלמיד חכם. אונטערשטרייכנדיק, אז ער וועט נישט אויפהערן אים צו ווארען, ביז וואן, ער וועט נישט אויפהערן צו רעדן. ווייל א חוץ די עבירה, איז דאס אויך א מורא'דיקער חילול השם. אז א איד ווי ער, זאל רעדן אין מיטן דאווענען. צוגעבנדיק: איך קענט מיך שלאגן, פאר שעמען, וויפיל איר ווילט! דאס שרעקט מיך בכלל נישט אפ. איך האב אין ארץ ישראל, פון די פאליציי, באקומען ערגערע קלעפ, פאר דעמאנסטרירן קעגן חילול שבת, אדער אנדערע איבלען. עס האט מיך גארנישט אפגעשראקן... א תלמיד חכם, אן עקשן. ס'איז געווען שווער אים אפצוגעוואוינען פון רעדן. ער האט גע'טענה'ט, אז דער מוכיח וועגן נישט רעדן, איז א משוגענער-נודניק. גיי, הייב אן מיט משוגעים. סוף-כל-סוף האט ער איינגעזען די גערעכטיקייט און אויפגעהערט צו רעדן...

ווי אויבנדערמאנט, איז דער רבי געווען זייער נאענט צו ר' איציקל זי"ע. ער האט געהאט שיעורים מיט ר' איציקלס אידים, ר' יאנקעלע שליט"א. געלערנט מיט אים, א סך קלאסישע ספרי חסידות: סידורו של שבת; באר מים חיים און נאך. אויך פלעגט ער אים דערציילן זייער אינטערעסאנטע מעשיות. דאס איז געווען אן אינטערעסאנטע איבערלעבונג.

## ר׳ איציקל אליין גרייט אנבייסן פארן רבין

נאכן דאווענען, האט ר׳ איציקל נישט געלאזט דעם רבי׳ן אהיים גיין צום פעטער, נאר ער זאל ביי אים עסן אנבייסן און דאס אליין צוגעגרייט. עס האט נישט געהאלפן די טענה פון רבין, אז זיין פעטער וועט זיין ברוגז, פארוואס ער גייט נישט אנבייסן ביים אים. שווער געווען, מסרב זיין ר׳ איציקלען און געמוזט אנבייסן ביים אים.

דער רבי האט א סך פארבראכט מיט ר׳ איציקלען. געשמועסט וועגן פארשידענע ענינים. געהערט פארשידענע מעשיות-צדיקים. ר׳ איציקל איז געווען זייער געווארנט צו פאראוילן זיין צדקות, אבער ווער ס׳האט געהאט א שארפן בליק האט געקענט ביי אים זען גאר גרויסע זאכן. זיין באשיידנקייט, איז נישט צו באשרייבן. ער פלעגט שיקן א סך געלט קיין ארץ ישראל. ער האט געהאט פארשידענע בייטלען פון געלט, וואו ער פלעגט ארייינלייגן אין זיי די צדקה געלט. זיינע ליפן האבן זיך שטענדיק באוואויגן, אבער קיינער האט נישט געוואוסט, וואס ער זאגט. דער רבי האט זיך אפגעלייגט אויף דעם, אויסצוגעפונען. ער האט באמערקט, אז ר׳ איציקל זאגט גאנצע מסכתות, אויף אויסנווייניק... יעדן שבת פלעגט ער לערענען גאנץ מסכת שבת, אויף אויסנווייניק. כמעט ווי מ׳האט אים נישט געזען ארייינקוקן אין א ספר...

*

## מעין-עולם הבא געפיל אין וואלד...

זומער צייט, איז דער רבי געווען, אין סאטמארער זומער-קעמפ, אין בעלגיע, אלס א מלמד און מדריך, פאר די יונגערע בחורים. אין יענער צייט פלעגט ער אויפזיין ביז 3-2

ביינאכט.. ווייל דעמאלט, קיינער שטערט נישט, איז די געשמאקסטע צייט צו לערנען, ספעציעל אין ווינטער. ממש מעין-עולם-הבא... אין א געוויסן טאג, קומט צו אים צו, ר׳ יוסף ראזענבערג (א ברודער פון ר׳ יודל ראזענבערג פון ווילאמסבורג, ברוקלין) און שרייט אויף אים: פארוואס ער איז אויף אזוי שפעט ביינאכט, די לעקטריזיטי, קאסט זייער טייער. עס איז א שאד-אויף אידיש געלט... דער רבי האט אים געענטפערט: אדרבה, איר האט דאך נאך א טובה דורך מיין אויף זיין. איך היט דאך דאס בית מדרש (אין יענע צייט, האט דארט געהערשט אן אנטיסעמיטישע שטימונג אין לאנד. ס׳איז פארגעקומען פארשידענע וואנדאלישע אקטן אויף בתי מדרשים). ר׳ יוסף האט נישט געוואלט הערן דערפון. ער האט אים קאטעגאריש געזאגט: ער וויל בשום-אופן נישט, ער זאל לערנען שפעט ביינאכט אין בית המדרש. פונקט איז ר׳ איציקל דארט געווען אין קעמפ, אויף א פאר וואכן. דער רבי איז אריינגעגאנגען צו אים, דערציילט די גאנצע מעשה און געפרעגט: היתכן, מ׳לאזט נישט זיצן אין בית מדרש און לערנען? ענטפערט אים ר׳ איציקל: קענסט זיצן ביי מיר אין צימער און לערנען אפילו א גאנצע נאכט. מיך שטערט דאס נישט. אדרבה, אזוי ארום וועל איך שלאפן בעסער. זינט דעמאלט פלעגט אונזער רבי לערנען ביינאכט אין זיין צימער. ער דערציילט: ר׳ איציקל איז געלעגן אין בעט ביינאכט מיט א גרויסע יארמלקע אויפן קאפ און זיינע ליפן האבן זיך באוועגן א גאנצע נאכט...

# קאפיטל 8

## סוכות ביי ר׳ איציקלען

פאר סוכות האט זיך דער רבי שטארק פארקילט און שווער געהוסט. זיין פרייער דערמאנטער פעטער האט בשום-אופן נישט באשטאנען, ער זאל שלאפן אין סוכה. אבער, ער האט זיך געהאלטן ביי זיינס ער וועט שלאפן ביי ר׳ איציקלען אין סוכה...

ערב יום טוב איז ר׳ איציקל געפאלן און צעבראכן א פוס, מ׳האט אים געמאכט א גיפס [קעסט] און געהאט גרויסע יסורים. די דאקטוירים האבן געהאלטן ער זאל בלייבן אין שפיטאל. אבער, ער האט בשום-אופן נישט געוואלט בלייבן דארט. מ׳האט אים געבראכט א ספעציעל בעט אין דער סוכה, כדי ער זאל קאנען האלטן, דעם קראנקן פוס אין א גוטע פאזיציע, ס׳זאל אים נישט וויי טאן. נאך דער סעודת יום טוב האט זיך ר׳ איציקל צוגעלייגט אביסל. אפשר וועט ער קענען איינשלאפן. דער רבי האט געבעטן ר׳ איציקלען דערלויבעניש צו שלאפן אין זיין סוכה אויף דער באנק. ענטפערט אים ר׳ איציקל: קום שלאף אין מיין בעט... ער ענטפערט, א קאטאגארישן ניין, זאגנדיק: בוודאי, מיינט דאך דער רבי מיין טובה, כדי כ׳זאל שלאפן ווארעם און באקוועם. אבער, דאס איז קיין טובה פאר מיר. ווייל, פאר מורא, כ׳זאל חלילה, נישט אנרירן אייער קראנקן פוס און וויי טאן, וועל איך, סייווי, נישט שלאפן, א גאנצע נאכט. ר׳ איציקל האט מסכים געווען ער זאל שלאפן אויף דער באנק, אין זיין סוכה, נאר בתנאי, ער זאל נעמען זיין שיינעם ווארעמען טילעפ [פוטער מלבוש], זיך צוצודעקן. אויף דעם האט דער רבי מסכים געווען.

## זעט ר׳ מרדכי׳לע נאדבארנער אין חלום

איינגעהילט אין פוטער-מאנטל (טילעפ), האט דער רבי, טראץ זיין שטארקן הוסט, באלד איינגעדרימלט און געשלאפן געשמאק. ער זעט ר׳ מרדכי׳לע נאדבארנער אין חלום. אינדערפרי האט ער דערציילט ר׳ איציקלען דעם חלום. א צייט שפעטער, אויך פארן קרעטשינעווער רבי׳ן פון כפר-אתא (ר׳ מרדכי׳לעס אן איניקל). פארביידן געשילדערט, וואס ער האט געזען. עס איז אים נישט קלאר, צי ער האט דאס דעמאלט פארצייכנט. ס׳איז געווען זייער אן אינטערעסאנטער חלום.

(אין יאר תשל״ח האט ער נאכאמאל געזען ר׳ מרדכי׳לע אין חלום וועגן שחיטה ענינים. דעמאלט האט ער יא פארשריבן).

ער האט א סך וואס צו דערציילן פון יענער צייט, ווען ער איז געווען ביי ר׳ איציקלען. נאר דאס, ביי א צווייטע געלעגנהייט, אי״ה.

* * *

# קאפיטל 9

## דאס עסן און טרינקען אין ,,תורה ויראה״

די גמרא זאגט, מיט דריי זאכן דערקענט מען א מענטש: ,,בכיסו, בכוסו ובכעסו״. ווי אזוי ער פירט זיך אויף אין מסחר און זיין באציאונג צו געלט; ווי זעט ער אויס אנגעטרונקענערהייט; ווי זעט ער אויס אין צייט פון כעס. דאס אויפירעכץ פון די בחורים ביים עסן, איז געווען שרעקלעך. אינדערפרי, האט מען נאך געקענט דערליידן, אבער ווען ס׳איז געקומען צום מיטאג ביי דער פליישיקער סעודה, האט א שוידער ארומגענומען, צוקוקנדיק דאס בילד אין עס-זאל. דער קעכער ר׳ יוסף שווארץ,

פאטער פון ר׳ לוי יצחק דער חזן, איז געווען גאר א פיינער מענטש.

ווען ער פלעגט אריינברענגען, אין עס-זאל, א טאץ מיט 8 פארציעס עסן, פלעגן ארויפפאלן אויף אים, א 20 בחורים, ווי הונגעריקע-וועלף און געכאפט פארציעס. דער האט געוואלט א פליגל, א צווייטער, א פולקע. מ׳האט זיך אנגעהויבן צו שלאגן. ס׳איז געווען א שרעק א בליק צו טאן. ס׳וואלט געפאסט, אז זיי קומען נעבעך, גלייך פון די קאצעטן, אויסגעהונגערטע. זיי האבן שוין יארן, נישט געזען פאר די אויגן, א שטיקל פלייש...

דאס עסן פלעגט דויערן איבער א שעה. עס האט געעקלט צו זיין דארט בעת דעם עסן. דער רבי האט אפגעמאכט ביי זיך א באשלוס. ער קען ניט צו קוקן יעדן טאג די שפיל. דעריבער, פלעגט ער, אינדערפרי, ביים אנבייסן, צוגרייטן פאר זיך 2 סענדעוויטשן, ברויט מיט אן איי, אלס א מיטאג און דאס מיט נעמען אין ישיבה. מיטאג צייט, אין א פערטל שעה, פלעגט ער אָבעסען די סענדוויטשס און באלד זיך זעצן לערנען., אזוי ארום, האט ער פארדינט יעדן טאג, א צוגאב שעה, צום לערענען. דאס איז געווען ביי אים ווי ס׳גרעסטע געווינס. צו דער זעלבער צייט, זיך אפהיטן אויך פון מאכלות אסורות: נבילות, טריפות, חלב און דם. ער האט נאך דעמאלט קיין אנונג געהאט וואס ס׳טוט זיך אין דעם פעלד...

# קאפיטל 10

## אלס בחור אין זומער-קעמפ

דער רבי פלעגט לערענען ביים שאפראנער רב זצ"ל. יעדן וואך פלעגט ער אים פארהערן שו"ע או"ח, יו"ד. אים שטארק מקרב געווען. אויך געלערנט מיט אים תיקוני זוהר און ,,עץ חיים" אין וואלד. דער רב פלעגט ביים לערענען די קבלה ענינים, נאס מאכן די בלעטער מיט טרערן. ספעציעל, אין חודש אלול. די קבלה שיעורים, זענען געווען א ספעציעלע איבערלעבונג. ער פלעגט אויך גיין צום שאפראנער רב'ס טישן און מיט אים געלערנט סדרים אין ש"ס און נאך לימודים.

* * *

# קאפיטל 11

## סאטמארער עופות כשר, נאר בדיעבד...

אלס כולל-אינגערמאן (אין זופניק'ס קעמפ), פלעגט דער רבי גיין א סך שפאצירן אויף לופט, צוזאמען, להבל"ח מיטן שאפראנער רב זצ"ל. מיט אים א סך געשמועסט וועגן פארשידענע ענינים. אמאל גיט ער אים א פרעג, וועגן די סאטמארער עופות, וואס ווערן פארקויפט אין די סאטמערע יאטקע, וואו יעדער פלעגט דארט קויפן. זענען די עופות באמת כשר, ווי סדארף צו זיין? ענטפערט ער אים: ס'איז כשר, אבער נאר, בדיעבד!... פרעגט ער אים צוריק: פארוואס? איז ער אים מסביר: א סך מאל, ווען מ'מאכט כשר די עופות, טרעפט זיך שאלות און זייער אפט איז דאס טריפה. די עופות ווערן אויסגעמישט, און דער ווייל פארקויפט מען. די קונים ווייסן אפילו נישט וועגן דעם, און צו ווענדן זיך צו ווענדן. על כן, איז

גלייכער מ׳זאל אליין גיין צום שוחט, אליין כשר מאכן, דעמאלט פארמיידט מען אלע פראבלעמען.

* * *

## ספעציעלע עופות פאר כולל-אינגעלייט

דערהערנדיק די ווערטער פון רב, האט ער דאס באלד דערציילט פאר זיין חבר, הרה״ג ר׳ הערשיל מייזלעס, דער איידים פון רב (היינט ממלא-מקום פון שווער). ר׳ הערשיל איז געווארן אויסער זיך, פון שווערס ווערטער. בקיצור, דער קלאנג האט זיך אויסגעשפרייט איבערן גאנצן כולל, וואו ס׳האבן דעמאלט געלערנט חשובע אינגעלייט. ס׳איז באשלאסן געווארן צווישן די אינגעלייט: יעדן וואך וועט אן אנדערער אינגערמאן גיין צום שעכט-הויז, שחט׳ן, כשר מאכן און ברענגען עופות פאר אלע בני הכולל. מ׳וועט קויפן בשותפות א פריזער, צו האלטן אין אים די ספעציעלע עופות, אזוי ארום וועט מען אפגעהיטן ווערן פון פארשידענע מכשולים.

אין א העלן פאר מיטאג, נאך די מעשה, קומט דער שאפראנער רב, פלוצלונג אריין אין כולל, פאנגט אן שרייען אויפן רבין: געוואלד! היתכן, ער איז געגאנגען דערציילן אין אן אופן, די גאנצע שטאט זאל וויסן, אז די סאטמארער עופות זענען כשר, נאר בדיעבד!... די בוטשערט טענה׳ן, אז דער רב האט אזוי דערציילט פארן רבין. און אזוי גיט מען דאס איבער אין זיין נאמען. דער רבי פארענטפערט זיך: אמת, איך האב דאס דערציילט אין רב׳ס נאמען, אבער נישט פאר די גאנצע שטאט, נאר פאר זיין איידים. מיט דעם געדאנק, אז אויך ער זאל זיין אפגעהיטן פון דעם, אזוי ארום, נישט ווילנדיק, איז די זאך נתפרסם געווארן צווישן די כולל-אינגעלייט און ווארשיינלעך, איז דאס געגאנגען ווייטער. דער שאפראנער רב האט זיך זייער געערגט וועגן דעם. דער פלאן וועגן די „ספעציעלע עופות״ און פריזער, איז בטל געווארן.

# קאפיטל 12

## ארום דרוקן ספר „ואמרו אמן", אין אמעריקע תשכ"ה

נאך דער חתונה פלעגט אונזער רבי דאווענען אין סאטמארער בית המדרש. זיך צוגעקוקט ווי דער עולם ענטפערט ניט אמן, יהא שמיה רבה. נישט גענוג וואס זיי רעדן אין מיטן דאווענען, נאר עס פארדריסט זיי נאך, אויב מ'איז זיי מעורר, היתכן? און מאכן חוזק פון מוכיח. גאנץ אָפט, גיבן זיי אים א קלונגענדיקע „מתנת-יד".

אין בית המדרש דארט, פלעגט דאווענען א חשובער איד, מיטן נאמען ר' וואלף (פאמיליע נאמען נישט באקאנט). ער פלעגט ארום גיין צווישן עולם, נישט לאזן רעדן, אויסרופנדיק הויך: נו?!... ר' וואלף האט געהאט א לאנגע, רויטע בארד. די חברה-רעדערס פלעגן אים ציען ביי די בארד. איינער פון רעכטס, א צווייטער פון לינקס. צוגעבנדיק: „הא-הא. בלי-עין-הרע, האט ער א שיינע ל-א-נ-ג-ע בארד...". אזוי לאנג געצויגן זיין בארד, ביז ר' וואלף האט געשריגן פון ווייטיק. דעמאלט, פלעגן זיי אויסשיסן מיט א ציניש-געלעכטער, אלע זאלן הערן און זען. ס'זאל ווערן פריילעך. אבער, דאס איז נאך נישט אלץ. זיי פלעגן ר' וואלפ'ן אראפווארפן זיין קאפעלוש פון קאפ. גאנץ האפט, זיך ארויפווארפן אויף אים. סארקאסטיש, זיך מאכן תמעוואטע, און זאגן צום חבר: „וואס שטופסטו מיך?!"... דערביי ארויפשטופן איינער דעם צווייטן אויף ר' וואלפן. ס'איז געווען א ביטערער רחמנות אויף דעם אידן. אלץ פאר זיין גרויסן חטא... ער האט זיי געשטערט א מינוט רעדן. ווען? אין מיטן שמונה עשרה, קדיש.

ר׳ וואלף איז געווען א איד א סבלן. ער פלעגט נישט רעאגירן אויף זייערע „מעשים טובים״. פארקערט. ער פלעגט מיט שמייכלען און ווייטער נישט לאזן רעדן.

די באציאונג צו ר׳ וואלפן האט דעם רבין זייער מצער געווען. ער האט פשוט מקנא געווען זיין עולם-הבא.

אין בית המדרש איז געווען נאך א איד, וואס פלעגט ווארענען און שטערן רעדן אין מיטן דאווענען, הרה״ח מוהר״ר לייב גליק נ״י, אבער, ער האט דאס געטאן מיט מער טאקט. ער פלעגט זיך פשוט בעטן בתחנונים...

* * *

## ר׳ וואלפ׳ס עולם-הבא

פאר רבין, איז דאס אלץ נישט געווען קיין נייעס. ער האט געקענט די חברה-לצים, נאך פון דער ישיבה-תקופה. דאס זענען געווען בחורים, וועלכע זענען בכלל נישט געקומען אין בית-המדרש דאווענען, נאר שמועסן און טרייבן ליצנות. אבער די עצם זאך, האט אים זייער וויי געטאן.

נאך מער, האט אים וויי געטאן, אז אפילו ווען דער סאטמארער רבי זצ״ל פלעגט לייענען אין דער ספר תורה, די סדרה פון דער וואך, וועלכס מ׳האט קאם געהערט (ער האט נישט געהאט קיין שטארק קול. אויב ס׳איז געווען טאטאל שטיל האט מען געקענט הערן יעדן ווערט), האבן די חברה-לצים און אנדערע אויך גערעדט. מפלעגט טאקע שרייען „שא, שא״! אבער, ס׳האט קנאפ געהאלפן. אפילו ווען מ׳האט באשטימט ספעציעלע מענטשן זאלן אכטונג געבן מ׳זאל נישט רעדן, איז די כוונה נישט געווען מ׳זאל נישט רעדן ווייל מ׳טאר נישט, נאר,

מ׳זאל הערן דעם רבין. האט דאס טאקע אזוי אויסגעזען: מ׳האט געליינט און געשריגן שא-שא... דאס גלייכגילטיקייט האט דעם רבין זייער דערדריקט. נאר וואס קען מען טאן צו אזא עלעמענט. גיי שריי חי וקים. דאס איז א קול קורא במדבר...

* * *

## זוהר הקדוש שיעור

דער רבי פלעגט יעדן דאנערשטיק נאכט, האבן א שיעור אין זוהר הקדוש. אמאל איז ער צוגעקומען צום ארט וואו דער זוה״ק רעדט וועגן די הייליקייט פון בית המדרש און ענטפערן אמן. דאס האט אים זייער מעורר געווען. היתכן! וואו קען דאס זיין, מ׳זאל מאכן ליצנות פון אזא הייליקע זאך, פון די יסודות פון אידישקייט, וואס כלל ישראל שטייט אויף דעם? מ׳מוז עפעס טאן! איז געווען זיין באשלוס. אפשר פארעפנטלעכן א מודעה וועגן דעם ענין, אדער א קונטרס׳ל וועגן ענטפערן אמן. באלד אין זעלבן פרייטיק האט ער אנגעהויבן נאכצוזוכן און צוצוגרייטן מאטעריאל וואו ס׳רעדט זיך וועגן ענטפערן אמן.

ארומזוכנדיק נאך מאטעריאל האט זיך דער רבי דערמאנט. כ׳האב דאך געזען אין אנטווערפען, בעלגיע, דאס ספר **„ואמרו אמן״**. ס׳איז דאך זייער גוט פאר דעם ענין, צו וואס דארף איך זוכן ניי-מאטעריאל? בעת ס׳איז דא, א גרייטע זאך. ער האט באלד אוועקגעשיקט א דרינגענדן טעלעגראם צום פעטער זיינעם, אין אנטווערפען, בעטענדיק, אים פארשאפן דאס אויבנדערמאנט ספר און דאס גלייך איבער שיקן דורך לופט-פאסט. דער פעטער האט אפגעזוכט דאס ספר און באלד געשיקט אהער. דער רבי האט באלד דורכגעקוקט דעם ספר און באשלאסן: מדארף נישט קיין בעסערס! די צייט איז קורץ און די

ארבעט איז פיל. די צייט שטייט נישט. מ׳קען דאך אזויפיל אויפטאן. אזוי האט ער געהאפט.

*

## ארום ,,ואמרו אמן״...

דער רבי האט דעמאלט געוואוינט בשכנות מיט הגה״צ ר׳ יצחק אמסל זצ״ל (הרב אמסעל האט דעמאלט געדרוקט זיין ספר: ,,קיצור דרכי תשובה״ מיט הוספות, ערשטער באנד). דערציילט ער אים, אז ער האט בדעה צו דרוקן דעם **,,ואמרו אמן״** כדי אידן זאלן וויסן ווי גרויס דער ענין איז. צוגבנדיק, אז ער איז שוין געווען ביים דרוקער ר׳ אברהם יצחק פרידמאן נ״י און ער וויל פאר דריי טויזנט עקזעמפלארן 1,800 דאלאר. כאטש ס׳איז נישט לויט זיין מעגלעכקייט, אבער וויבאלד ס׳האנדלט זיך וועגן אן ענין מונע צו זיין חילול השם, האט ער זיך געבארגט געלט און באשטעלט. (דעמאלט איז דאס גווען א גרויסע סומע געלט). ר׳ יצחק האט אים באלד געגעבן הונדערט דאלאר צו שטייער צום ספר (דאס איז געווען פאר אונזער רבין א גרויסע אונטערשטיצונג אין זיין ארבעט, מער ווי די ווערט פון געלט) און אים געזאגט: גייט אריין צום סאטמארער רבי, דערציילט אים וואס איר האט בדעה צו טאן, ער וועט אייך זיכער ארויסהעלפן מיט א גרעסערן סכום, ס׳זאל דעקן א גרויסן חלק פון די הוצאות. הרב אמסל׳ס עצה איז אים געפאלן. א חוץ געלט האט דער רבי געהאט נאך א פראבלעם, ביים דרוקן דעם ,,ואמרו אמן״. אין דעם עקזעמפלאר וואס ער האט געהאט, זענען עטלעכע בלעטער נישט געווען קלאר געדרוקט, דארף מען זוכן א צווייטן עקזעמפלאר צו נעמען פון אים די נויטיקע בלעטער. טא, וואו נעמט מען דאס? איז אים איינגעפאלן: בוודאי האט דער סאטמארער רבי אויך דאס ספר צווישן זיינע פילע ספרים, וועט ער אים קאנען בייהילפיק זיין, דורך באָרגן דעם ספר.

ער האט זיך באלד געוואנדן צום ,,הויז בחור" פון רבין בעטנדיק, נאכצוזוכן צו דאס ספר געפינט זיך טאקע ביי אים אין הויז? זיין ענטפער איז געווען: יא, ער האט דאס. אבער, נאר דער ערשטער באנד. גראדע דאס וואס ס'איז געווען נויטיק.

* * *

## סאטמארער רבי בארגט דאס ספר

דער רבי איז באלד אריבערגעגאנגען צום סאטמארער רבי'ן זצ"ל. אים געוויזן דאס ספר. דערציילט וואס ער וויל טאן און פארוואס. צוגעבנדיק, אפשר קען ער אים בארגן דאס ספר צו פאטאגראפירן די נויטיקע בלעטער, אויך אויב מעגלעך אים געבן א הסכמה אויפן ספר.

דער רבי זצ"ל האט גענומען דאס ספר אין האנט און געבלעטערט און געזאגט: יא, איך האב דאס ספר. זיי האבן צוזאמען דורכגעקוקט די הסכמות אויפן ספר. אזוי בלעטערנדיק, האבן זיי דערזען, א הסכמה פון הרב קוק. דער רבי איז איבעראשט געווארן דערפון, און געפרעגט דעם סאטמערער רבי'ן זצ"ל: היתכן, דער מחבר זאל נעמען א הסכמה ביי אים? ענטפערט אים סאטמארער רב: כ'האב גוט געקענט דעם מחבר, קאנסקעוואלער רב, ר' יהושע אלתר וולדמאן זצ"ל. ער איז געווען א תלמיד חכם, א גרויסער גאון און א ירא שמים, וואס האט מוחה געווען אויף פארשידענע פירצות פון דור. די הסכמה האט ער נאר גענומען, כדי דאס ספר זאל פארשפרייט ווערן אין אלע קרייזן. אבער, ער איז נישט געווען א חסיד פון הרב קוק און זיינס גלייכן. ער האט צוגעלייגט: קענסט דרוקן דאס ספר אן די הסכמה פון הרב קוק.

צום סוף פרעגט אים דער רבי זצ"ל: ,,וואו ווערסטו נעמען געלט צו דרוקן דאס ספר"?" (ער האט געוואוסט אז ער לערנט אין כולל און באקומט 30 דאלאר א וואך, וואס איז נישט אפילו גענוג אויף לעבן). ענטפער אים דער רבי: כ'וועל מיר בארגן געלט און דרוקן. ס'איז נישט דערלאזבאר ווי מ'רעדט אין מיטן דאווענען, קדיש און ביים לייענען אין דער ספר תורה. דער עולם ווייסט גארנישט ווי הארב דער ענין איז. איך וויל שיקן דאס ספר אין אלע בתי מדרשים און שולן, דער עולם זאל וויסן זיך צוריק האלטן פון דעם.

# קאפיטל 13

## סאטמארער רבי גיט זיין ברכה

אויף דער בקשה צו בארגן דאס ספר, ענטפערט ער אים: ,,ואמרו אמן"... שטעלט זיך אויף. גייט צו צום ספרים שאנק, נעמט ארויס דאס ספר, גיט דאס אים און ווינטשט הצלחה, נאכאמאל און נאכאמאל. באטאנענדיק: דאס איז באמת א גרויסע מצוה... (געלט האט ער אים נישט געגעבן. מסתמא, פארגעסן. דער רבי האט אויך נישט געבעטן). געטראכט: בוודאי וויל מען אזוי פון הימל. מ'דארף אלץ דורכברעכן פאר כבוד שמים.

ער האט באקומען א נדבן פון זיין משפחה, וואס האט געוואלט פאראייביקן א נאנטן. ס'האט געהייסן ער וועט באקומען 250 דאלאר, לסוף האט ער באקומען נאר 125 דאלאר.

דאס ספר ,,ואמרו אמן" איז בס"ד פארעפנטלעכט געווארן, אין א נייע אויפלאגע און מ'האט אנגעהויבן דאס צו פארשפרייטן.

## ר׳ וואלף קוויקט זיך מיטן ספר

ווען דאס ספר איז געווען גרייט צום פארשפרייטן, האט דער רבי זיך געוואנדן צום פריערדערמאנטן ר׳ וואלף און אים געזאגט: איר קענט דאך די וואס רעדן אין מיטן דאווענען און דג״ל. זייט אזוי גוט, פארקויפט זיי דאס ספר פאר א האלבן דאלאר (א מינימום פרייז). אויב זיי ווילן דאס אויך נישט געבן, גיט זיי דאס בחנם. דער עיקר, זיי זאלן אין אים ארייננקוקן. דאס ספר, וועט שוין טאן אייער ארבעט. זיך נישט דארפן מער רעגן ווענן דעם. ר׳ וואלף האט זיך מחיה געווען מיטן ספר. דאס איז געווען פאר אים, מער ווי איינער געווינט דאס גרויסע געווינס. ער האט גענומען ספרים צו פארשפרייטן און פארקויפט א פאר הונדערט עקזעמפלארן אין סאטמארער בית המדרש.

דער רבי האט זיך אויך געוואנדן צו עטלעכע בתי מדרשים און פארקויפט דאס ספר פאר 75 סענט א דאלאר, וויפיל מ׳האט געוואלט געבן. שפעטער האט ער באקומען שול-אדרעסן פון איבער דער שטאט און דאס צו געשיקט צו הונדערטער שולן און בתי מדרשים, ביילייגנדיק א קאנווערט פאר ביישטייערונגען צו דעקן די הוצאות פון ספר.

די ביישטייערונגען, האבן אפילו נישט געדעקט די פאסט-הוצאות. סך הכל זענען אנגקומען ביישטייערונגען פון 2 פראצענט פון די וואס האבן באקומען דאס ספר. צווישן זיי איז געווען פון א שול אין וואשינגטאן-הייטס, ניו יארק, וואו איינער פון די מתפללים, וואס פלעגט זיך שטענדיק אפגעבען, ניט לאזן רעדן אין מיטן דאווענען, האט איצט באשטעלט 10 ספרים. ווי אויך פון א פאר שולן, איבער ניו יארק, וואס האבן באשטעלט א פאר עקזעמפלארן. דער רבי האט זיך באגנוגנד מיט דעם, וואס

אין געוויסע בתי מדרשים האט מען אויפגעהערט צו רעדן ווען מ׳טאר נישט. דאס איז געווען זיין גרעסטע שמחה.

דער רבי האט געקראגן א הסכמה אויפן ספר פון שאפראנער רב זצ״ל, און אליין געשריבען א קליינע הקדמה צום ספר.

ער האט דאן נישט מפרסם געווען דאס ספר אין קיין צייט-שריפט. שפעטער, ווען ער האט פארעפנטלעכט א סעריע ספרים: **,,נדחי ישראל״, ,,לב טוב״, ,,שמחת הנפש״, ,,תורת החסידים הראשונים״, ,,אבן שלמה״**, האט ער אויך דעם ,,ואמרו אמן״ מפרסם געווען אין די צייט-שריפטן.

* * *

# קאפיטל 14

## ,,אהבת ישראל״-אקציע

דער רבי האט זיך ארומגעזען אז אין וויליאמסבורג זענען די מענטשן זייער אקטיוו, און מיט די גאנצע פארע אין א ,,שנאת ישראל״ אקציע, צו פארווירקלעכן אייביקע שנאה צו אידן. נישט נאר קעגן ארץ-ישראל אידן, נאר אפילו אויך צווישן זיך אליין צווישן איין גרופע חסידים און א צווייטע. אויב דער צווייטער באלאנגט נישט צו מיין גרופע, איז א מצוה אים צו צערייסן ווי א הערינג. אויסרעדן כל דבר אסור, איז דאך שוין אפגערעדט. זעלבסטפארשטענדלעך, אז אין אזא מצב איז גארנישט געמאלט מ׳זאל קענען אויפקלערן פאר מענטשן, רבותי! ס׳איז א מצוה מן התורה ליב צו האבן יעדן אידן, אדער, ס׳איז א מצוה מן התורה נישט פיינט צו האבן א אידן אין הארצן און דג״ל.

אונטער די אומשטענדן האט ער באשלאסן צו פארעפנטלעכן דאס ספר-העפטל פון „חפץ-חיים" אונטערן נאמען: „אהבת ישראל". ער האט געדרוקט דערפון 5 טויזנט עקזעמפלארן און פארשפרייט אומזיסט, אין אלע בתי מדרשים, תלמוד-תורות, ישיבות און דג"ל. זעלבסטפארשטענדלעך, אומזיסט איז געווען א סך בעלנים. ס'איז נישט געבליבן אפילו איינס פאר א זכר...

* * *

# קאפיטל 15 צניעות אקציע

נאך אלס בחור, האט דער רבי געטאן אין אידישקייט מיט די בחורים פון ישיבה. ער האט זיי אויך מסביר געווען, ווען מ'רעדט וועגן א שידוך, זאלן זיי באלד פון אנפאנג שטעלן א באדינג: אויב דאס מיידל האלט נישט ביי אנטאן א פשוט טיכל, נאר, א שייטל און דג"ל, קומט דאס נישט אין באטראכט אלס שידוך!.

ער האט עטלעכע מאל זיך דורכגעשמועסט וועגן דעם ענין מיטן סאטמארער רבי'ן זצ"ל. פלעגט אריינגיין צו אים 2:30 פארטאגס (זיי האבן געוואוינט בשכנות), ווען דער רבי זצ"ל האט אפגעפערטיגט דעם עולם. אלע זענען געגאנגען שלאפן. נאר דער הויז-בחור ר' עקיבא איז געווען וואך. דעמאלט האט ער געקענט לערנען במנוחה אויפן קול אן שטערונגען. אויך עניני קבלה, וואס ער האט נישט געוואלט מ'זאל אים זען לערנען דאס בפרהסיא, איז דעמאלט געווען די ריכטיקע צייט פאר דעם. דרינגנדיקע ענינים, וואס ער האט געוואלט זיך דורכשמועסן ביחידות, מ'זאל נישט וויסן וועגן דעם. פלעגט ער באשטעלן אויף דער צייט. ווען דער רבי איז אמאל אריינגעקומען צו אים אין אזא צייט, האט ער אים גראד געטראפן לערנען דאס ספר „עץ חיים" פון ר' חיים וויטאל, תלמיד פון האר"י הקדוש.

ווי אזוי פלעגט געלונגען פארן רבין, זיך ארייַנבאקומען אין אזא פאסיקע צייט? ער פלעגט שטיין הינטער דער טיר, זיך צו הערן ווי דער רבי זצ"ל, פלעגט לערנען. [דאס איז געווען א געפיל פון „מעין עולם-הבא"]. האט זיך געטראפן, אז ער פלעגט אויפהייבן די אויגן פון ספר. באמערקנדיק, אז עמיצער דרייט זיך, פלעגט ער אמאל הייסן אריינקומען. ביי אזא געלעגנהייט האט דער רבי אויסגענוצט די ריכטיקע מינוט און געשמועסמט מיט אים וועגן אלע וויכטיקע ענינים.

דער ענין פון ניט גיין קיין שייטלען איז דעם רבין זצ"ל געגאנגען אין לעבן. ווי פריער געזאגט, האט דער רבי געפירט וועגן דעם ענין א גרויסן און שטארקן קאמפעין. ער האט א סך אויפגעטאן אויף דעם געביט. אזוי ווייט, אז די שדכנים האבן געזאגט: אויב א מיידל איז גרייט צו נעמען א פשוטן בחור, קען זי גיין א שייטל. אבער, אויב זי וויל בדווקא א חשוב'ן בחור, וואס האלט ביי לערענען איצט, ווי אויך נאך זיין חתונה, מוז זי גיין מיט א טיכל. א גרויסער טייל פון די חשוב'ע מיידלעך, האבן פארגעצויגן, גיין נאר מיט טיכלעך, אבי צו קריגן א חתן, א בן-תורה.

## דער שטן מייזלס...

דער בעל-דבר, קען נישט צו לאזן, א גוטע זאך זאל דורכגיין גלאטיק. דעמאלט איז געווען אין ישיבה א יונגער מגיד-שיעור מיטן נאמען ר' נתן יוסף מייזעלס נ"י. ער פלעגט יעדן טאג דערציילן פרישע מעשה'ס אין נאמען פון רבין זצ"ל. א גרויסער טייל פון זיי האבן געשטאמט פון אים און נישט פון רבי'ן. בכלל האט ער מגזם געווען, מיט זיין נאענטקייט צום רבי'ן זצ"ל.

ער קומט אמאל צוגיין, און פאלט אן דעם רבין מיט א גרויס געשריי: היתכן, ווי וואגט זיך א בחור צו רעדן וועגן שייטלען און

דג"ל? דער רבי, מאכט זיך תאמעוואטע, כאילו ער פארשטייט גארנישט וואס ער רעדט צו אים. הויבט ער אן רעדן מער בפרטיות, און זאגט: פארוואס האסטו גערעדט מיט דעם און דעם בחור, אז אויב מ'וועט אים פארלייגן א שידוך, וואס דאס מיידל וויל גיין מיט א שייטל נישט קיין טיכל זאל ער נישט מסכים זיין. סיידן, זי זאל זיך פון פאראויס פארפליכטן, אנצוטאן א טיכל? פרעגט אים דער רבי: וואס איז דא אזוי קרום? א סך פוסקים האלטן דאך: אויב א פרוי גייט בלויז א שייטל, טאר מען נישט מאכן קיין ברכה אין איר אנוועזנהייט. מייזלס האט זיך געהאלטן ביי זיינס: בחורים טארן נישט רעדן וועגן אזוינע זאכן. זיי האבן פארגעזעצט דיסקוטירן וועגן דעם. ביז מייזעלס האט אים געזאגט, אין נאמען פון רבי'ן זצ"ל: לגמרי אויפהערן רעדן וועגן דעם. [דאס איז געווען זיין שטענדיקע טאקטיק. ווען ער פלעגט זען, אז ער האט נישט מיט וואס אונז משכנע צו זיין, פלעגט ער באנוצן „אטאמישע-וואפן": „דער רבי זאגט אזוי!"... דעמאלט איז דאך שוין נישט דא וועגן וואס צו דיסקוטירן. „א באפעל פון אויבן"...].

דער רבי האט פארט נישט גערוט וועגן דעם. ווען מייזעלס האט אים געזאגט אין נאמען פון רבי'ן אויפערן רעדן וועגן דעם. האט ער באשלאסן פרעגן דעם רבי'ן פערזענלעך: צי איז ריכטיק דאס וואס ר' נתן יוסף זאגט אין זיין נאמען? ענטפערט ער אים: ער האט מיט מיר קיינמאל נישט גערעדט וועגן דעם...

ביי א צווייטע געלעגנהייט, ווען מייזעלס האט אים געזאגט: „דער רבי האט געהייסן נישט רעדן וועגן דעם ענין"... ענפערט אים אונזער רבי, דער רבי [זצ"ל] האט מיר אליין געזאגט: איך האט בכלל נישט גערעדט מיט אים, און מיר געהייסן, דווקא יא פארזעצן מיינע געשפרעכן מיט בחורים וועגן דעם ענין!... מייזעלס איז געבליבן ווי א אפגעשמיסענער...

לבסוף, זאגט אים מייזעלס: איך וועל שוין רעדן מיטן רבין... ער איז טאקע געגאנגען און אנגערעדט כל דבר אסור, שקרים און בלבולים. דער רבי זצ"ל האט דערציילט פארן רבי'ן אלץ וואס מייזעלס האט גערעדט. אים געגעבן אן עצה, צו ארבעטן וועגן דעם ענין שטיל און כיטרע, כדי נישט צו ציען די אויפמערקזאמקייט אויף זיך. מייזעלס האט געציטערט די בחורים זאלן נישט מאכן „א יד אחת", ווייל ער האט געוואוסט דאס זיי האבן א סך גערעכטע טענות קעגן אים.

# קאפיטל 16

## סקולארע בילדונג אין ישיבה

אין א געוויסן העלן טאג, לאזט מען וויסן פון דער ישיבה-פארוואלטונג, ווער פון די בחורים, וואס איז פאראינטערעסירט צו לערנען די ענגלישע שפראך, זאל זיך מעלדן. ס'וועלן פארקומען אוונט-קורסן, דריי מאל א וואך.

די ידיעה האט געמאכט א שטורעם אין ישיבה, צווישן די בחורים יראי השם באמת, זיי האבן באשלאסן צו פארעפנטלעכן א שארפן פראטעסט קעגן די אנפירערשאפט. היתכן, מ'זאל לערנען סעקולערע לימודים אין סאטמארער ישיבה גדולה? (ווארשיינלעך האבן זיי דאס געטאן, כדי צו קריגן פאר דעם פראגראם פאנדן פון דער פעדעראלער רעגירונג). אפילו ליובאוויץ (וואס הייסט אין סאטמער א מאדערנער קרייז, האבן זיי א ספעציעלע ישיבה וואס מ'לערנט נאר לימודי קודש, אן קיין לימודי חול), איז דאך אודאי געוויס אז סאטמאר דארף נישט

טאן אזא זאך. ווי זייער שטייגער, האבן זיי מפרסם געווען אז אלעס איז געטאן געווארן מיט דער גוטהייסונג פון רבי'ן...

בקיצור, אויפן רבינ'ס איניציאטיוו איז פארענטלעכט און פארשפרייט געווארן א שארפער פראטעסט, אין לשון הקודש, קעגן דעם אין ישיבה און די געגענט ארום.

באלד ווי ס'איז פארעפנטלעכט געווארן דער פראטעסט איז געווארן א גרויסער טומל און געררייגקייט צווישן עולם. מייזעלס האט געשריגן און גע'מוסר'ט די בחורים און געגוי' איבערגעגעבן וואס ער האט גערעדט מיטן רבין וועגן דעם פראטעסט. צוגעבנדיק, דאס ער ווייסט געגוי' וועמענס איניציאטיווע דאס איז געווען. דער פאראנטווארטלעכער וועט מוזן פארלאזן די ישיבה. ער האט געהאט א פארדאכט אויף עטלעכע בחורים, אבער געגוי', ווער ס'האט אנגעפירט און פארעפנטלעכט דעם פראטעסט, האט ער נישט געוואוסט, ווייל די ארגאניזאטארן האבן דאס געהאלטן בסוד.

## ענגליש לערנען אין ישיבה

אלס רעזולטאט פון דעם שארפן פראטעסט קעגן סעקולערע בילדונג אין ישיבה גדולה, האבן די פלענער וועגן לערנען ענגליש נישט מצליח געווען. די אמת'ע ערלעכע בחורים האבן באין-אופן נישט געוואלט לערנען קיין וועלטלעכע שפראך. די הנהלת הישיבה, איז אבער געווען פאראינטערעסירט, אז אלע בחורים זאלן לערנען ענגליש (אלס לאנד שפארך). דאס האט זיך אבער זיי נישט איינגעגעבן, און דער ענגליש-פראגראם איז ארונטער פון סדר-היום. די ישיבה פארוואלטונג, האט זיך שפעטער פארענטפערט און דערקלערט, דאס זייער כוונה איז געווען א גוטע, כדי צוגעבן א מעגלעכקייט פאר בחורים, וואס פלעגן גיין

אין די גויאישע שולעס, פאר אוונט-קורסן, אלס בוכהאלטערס, אדער, „אקאנטענס", זאלן זיי, בעסער האבן די קורסן, צווישן די ווענט פון ישיבה.

אבער, אנשטאט צו אנערקענען זייער גרייז און ווארענען דעם עולם קעגן דעם. האבן זיי גאר געגעבן צו פארשטיין, ווי וויכטיק און נויטיק דער ענין איז. מאטיווירנדיק: מ'דארף דאך ארויסגיין אין גאס, און מ'קען זיך נישט באגיין אן דעם...

די פראפאגאנדע פאר לערנען ענגליש האט אויף אזויפיל אויפגעטאן, דאס נאך א גאנץ קורצע צייט, האבן שוין א סך בחורים אין ישיבה, געהאלטן ביי זיך, נישט קיין כשרע ביכער. די ישיבה פארוואלטונג האט שוין געמוזט דיסקוטירן וועגן אן עווענטועלע מעגלעכקייט פון „משלח" זיין א 40 בחורים פון ישיבה, ווייל מ'האט געפונען ביי זיי מאגאזינען, וואס פאסט נישט פאר ישיבה בחורים, זיי זאלן דאס, אפילו האלטן אין האנט. לבסוף האט מען די דאזיקע בחורים נישט משלח געווען. מ'האט פארווישט דאס גאנצע עסק, כדי ס'זאל נישט ארויס קומען אין גאס...

געוויסע בחורים, וואס האבן דעמאלט יא געלערנט ענגליש, האבן נאכער דערציילט, דאס די לערערס זענען געווען, מאראליש פארדארבן, און האבן זיי געגעבן צו לייענען די אויסגעלאסענע זשורנאלן. זיי האבן זיך טאקע, נאכער, אויסגעגליטשט...

# קאפיטל 17

## ,,תקנות"-העפט

ווען דער רבי האט נאך זיין חתונה געלערנט אין כולל, האט ער געהאט א חברותא מיטן שאפראנער רב זצ"ל. צווישן אנדערן האט ער געכאפט מיט אים א שמועס, וועגן שייטלען. דערציילט אים דער רב, בסוד-סודות, אז ס'געפינט זיך ערגעץ א ,,קונטרס-תקנות", פון סאטמארער רבין. ער האט אים נאך פארפאסט אין אייראפע, פאר דער צווייטער וועלט-מלחמה. אין וועלכן ער אלארמיט זייער קעגן פארשידענע פרצות און ספעציעל, קעגן שייטלען און סעקולערע בילדונג, פאר ישיבה תלמידים.

דער רבי האט באלד זיך גענומען אינטערעסירן וועגן דעם, און אויסגעפונען, אז דאס געפינט זיך, ביים לימודי קודש פרינציפאל, פון דער סאטמארער מידל-שולע הרב בערקאוויץ. ער האט אים געבעטן צו בארגן דעם קונטרס'ל. ענטפערט אים הרב בערקאוויץ: איך קען אייך דאס בארגן. אבער, בתנאי, קיינער טאר נישט וויסן, אז איך האב אייך דאס געגעבן. פרעגט ער אים צוריק: ,,וואס איז דא דערמיט אזא גרויסער סוד?" ענטפערט ער אים: די סאטמארער ראשי הקהל ווילן נישט באין-אופן דער ,,תקנות-העפט" זאל פארעפענטלעכט ווערן.

## מורא פאר אויפדעקונג...

בערקאוויץ האט זיך געפארכט, אויב דער רבי וועט פאטאגראפירן דעם העפט, ווי ער שטייט און גייט, וועט דאך קלאר ווערן פון וואנט דאס שטאמט... על כן, האט ער אים געמוזט צוזאגן, דאס ער וועט דאס אויפזעצן פון דאס ניי, נישט

קיין „פאטא-אפסעט". ממילא וועט שוין קיינער נישט וויסן פון וואנט דאס קומט... ער האט טאקע אזוי געטאן. דער „קונטרס-התקנות" איז פארעפנטלעכט געווארן אין אידיש. א שיינע אויסגאבע. 5 טויזנט עקזעמפלארן. געשיקט געווארן ביי פאסט פאר גאנץ וויליאמסבורג.

א פאר טאג שפעטער, האט די גאנצע געגנט געגאנגען אויף רעדער... דער עולם איז געווען צעפרידן. סוף-כל-סוף, האט מען פארעפנטלעכט די תקנות, מ'זאל דאס קענען זען פערזענלעך. זיך איבערצייגן, ווי אויך אנדערע, וועגן דעם ענין. אבער דער עיקר, האט יעדן אינטערעסירט: ווער האט דאס פארעפנטלעכט?

און פארוואס טאקע, האט ר' יוסף אשכנזי, דאס נישט פארעפנטלעכט ביז איצט, ווי ער טוט מיט אלע כתבים פון רבין? די רעדל-פירער, האט נישט אינטערעסירט די תועלת וואס קען ארויסקומען פון דעם, נאר, בעיקר: אויסגעפונען, ווער איז דער יעניקער, וואס האט געהאט די חוצפה און העזה, צו פארעפנטלעכן די תקנות, און נאך דערצו, זיי צו פארשפרייטן אומזיסט אין די הייזער. ס'האט אויסגעזען, אז זינט דעם וועלט-באשאף, איז נאך אין וויליאמסבורג אזא נייעס נישט פארגעקומען...

*

## קאנטרא-טאקטיק...

גייענדיק אין גאס, אין וויליאמסבורג. זעט דער רבי, ווי די צוויי **„יושבים ראשונה במלכות": ר' יוסף אשכנזי, דער גבאי, און ר' סענדר דייטש, דער ראש-הקהל,** גייען צוזאמען און שמועסן צווישן זיך. קומענדיק נענטער צו זיי, הערט ער טאקע, ווי זיי רעדן וועגן דעם

קונטרס-פארעפנטלעכונג, אן קיינעם צו פרעגן. ביידע קאכן זיך: וואס איז דאס, ס'איז שוין הפקר א וועלט?!... מ'טאר אזא זאך נישט צולאזן באין אופן! יקוב הדין את ההר... מעג דאס זיין ווער ס'זאל נישט זיין... דערהערנדיק די לשונות, האט ער באשלאסן, דאס געוואונטשענסטע אין די סיטואציע איז, צו שפילן „קאמעדיע"... ער גייט צו גאר נאנט, און ווענדט זיך צו זיי, ווי א חבר לדעה... מיט דעם לשון: „איך פאר שטיי נישט די מורא'דיקע חוצפה, צו גיין דרוקן אזא זאך אן אייער רשות און קאנטראל?... יעדער ווייסט דאך, אז דעם רבינ'ס אלע כתבים, באלאנגען צו אייך. טא ווי נעמט זיך אזא חוצפה?... באזונדערס, ווען איר וואלט דאס געוועזן ארויסגעגעבן, וואלט דאס געהאט אן אנדער פנים, טעם און ריח. מיט א הקדמה, אדער, א פארווארט-אריינפיר, א ביאגראפישע רשימה וועגן קונטרס און די אומגעבונג. פארוואס האט-אים דער רבי פארפאסט נאך אין דער אלטער-היים, אין אירופע, אבער אים נישט פארעפנטלעכט עד היום?..." צוגעבנדיק: „מ'דארף דעם חברה'מאן אויסרייסן מיטן ווארצל! פאר דעם „מוראדיקן-פארברעכן" וואס ער האט אפגעטאן"...

קומענדיק שפעטער אין כולל, באגעגנט דעם רבין ר' אלימלך שווארץ, קלאפט דעם רבין אויף דער פלייצע, אזוי גוט ברודעריש, און זאגט דערביי: „האסט געטאן א גוט שטיקל ארבעט?!... דער רבי קלאפט אים צוריק אויף דער פלייצע. צוגעבנדיק: דו דרייסט אלס אן, און מיר קלאפסטו אין פלייצע מיט א ברייטן יישר כוח?!...

בקיצור, מ'האט אלימלך שווארץ ארויסגעווארפן פון קהלה צוליב כמה טעמים. ראשית, איז ער געוועזן צופיל „קנאי" פאר זיי. אויך איז געפאלן אויף אים דער חשד, אז „ער" איז דער

יעניקער וואס האט ,,באמת״ פארעפנטלעכט דעם ,,קונטרס-התקנות״. אין הארצן האט ער געהאט גרויס מיטליד מיט אים, אבער זיך נישט געקענט העלפן צוליב ,,פיקוח-נפש״...

* * *

# קאפיטל 18

## דת משה ויהודית

א געוויסע צייט נאכן טומל וועגן ,תקנות-העפט״, האט דער רבי געטראפן דעם קונטרס ,,דת משה ויהודית״ קעגן שייטלען. דורכקוקנדיק אים האט ער געזען, אז דאס קען פיל העלפן, מ׳זאל נישט טראגן קיין שייטלען, אויב מ׳זאל אים איבערדרוקן. אויף זיין איניציאטיוו האט זיך ארגאניזירט א גרופע אינגעלייט דאס צו פארווירקלעכן. ער האט צוגעגעבן וויכטיקע צוגאבן, ווי אויך, א טייל וועגן צניעות ענינים, אין אידיש. ס׳זענען געדרוקט און פארשפרייט געווארן 5 טויזנט עקזעמפלארן פון דעם קונטרס. די רעאקציעס אויף דעם זענען געווען זייער פאזעטיווע. ס׳האבן זיך געשאפן גרופעס מענטשן וואס האבן געטאן וועגן דעם ענין, מ׳האט פארשפרייט בראשורן און דג״ל.

א צייט שפעטער האט דער רבי פארעפנטלעכט דעם פריערדערמאנטן קונטרס ,,דת משה ויהודית״ אין ,,תורה וועלט״ זשורנאל, אין אידיש. אויך צוגאבן וועגן צניעות ענינים. שפעטער איז דאס פארוואנדלט געווארן אין א קונטרס אונטערן נאמען ,,צניעות ישראל כהלכתה״, צווייטער באנד. ווען דער ,,תורה וועלט זשורנאל״ איז אויפגעקומען, האט ער פארעפנטלעכט אין אים ארטיקלען קעגן לערנען וועלטלעכע שפראכן. פארוואס פונקט דעמאלט? לייענט ווי פאלגד:

## רעגירונגס שטיצע...

די פעדעראלע רעגירונג, פלעגט געבן ספעציעלע פאנדן, פאר געוויסע סעקולערע בילדונג-פראגראמען, איינגעשלאסן די לערע פון וועלטלעכע שפראכן. האט דאן די ישיבה-פארוואלטונג, פארעפנטלעכט א בראשור. דערקלערנדיק, אז לויטן געזעץ, מוז מען לערנען די לאנד-שפראך. דעריבער, וועט מען זיין געניט צו לערנען די ענגלישע שפראך, אויך אין ישיבה.

גראד דעמאלט, האט די אלגעמיינע פרעסע געברענגט א באריכט, וואס זאגט, דאס די „איימיש"-סעקט (גויים), באשטייט דערויף, אז זייערע קינדער זאלן נישט לערנען קיין סעקולערע בילדונג, איינגעשלאסן די ענגלישע שפראך, מער ווי די ערשטע דריי קלאסן. זיי האבן געדונגען גרויסע אדוואקאטן צו פארטיידיקן זייער פארלאנג. דער באריכט גיט צו, דאס די רעגירונג האט נאכגעגעבן זייער פארלאנג. אלס א קעגן-געוויכט, צו די פראפאגאנדע וועגן לערנען ענגליש. כאילו, אויב מ'וועט נישט לערנען קיין ענגליש, וועט די וועלט אונטער גיין. ס'איז גאר א מצוה צו לערנען ענגליש. האט דער רבי פארעפנטלעכט אין „תורה וועלט" זשורנאל, די מיינונג פון סאטמארערער רבי'ן זצ"ל, ווי ער זאגט זיך ארויס בפירוש, קעגן, אפילו נישט די לאנד-שפראך. ווי אויך, להבדיל, דעם אויבנדערמאנטן באריכט וועגן דער „איימיש-סעקט". ס'האט געמאכט זייער א שטארקן איינדרוק. אזוי ווייט, אז א סך בחורים האבן נישט געוואלט מער לערנען קיין ענגליש. נישט מער, יוצא צו זיין פאר דער רעגירונג, האבן זיי אמאל אריינגעקוקט אין א ענגליש לערן-ביכל. די ישיבה פארוואלטונג, האט דאך נישט געוואלט פארלירן די רעגירונג-פאנדן, פאר די ענגליש-לימודים, האט זי אנגענומען

אלע מיטלען. מיט גוטן און בייזן. מ׳זאל דוקא, לערנען ענגליש. דער רעזולטאט דערפון איז געווען. א גרויסער טייל בחורים, וואס האבן שוין געקענט ענגליש, האבן נאכער געליינט אוממאראלישע צייטונגען און זשורנאלן...

* * *

# קאפיטל 19

## לייען מאטעריאל מיט קירכע בילדער

מיט יארן צוריק פלעגט די סאטמארער מיידל שולע זיך באנוצן מיט דעם אלגעמיינעם לערן מאטעריאל וואס מ׳לערנט אין אלע שולן. נאר, אנשטאט (לכל הפחות), דאס דורכקוקן איידער מ׳גיט דאס איבער פאר די שילערינס, האבן זיי דאס נישט געטאן. נאר, געהייסן, די שילערינס, זיי זאלן זיין, זייערע אייגענע קאנטראלערער. פארוואס טאקע? ווייל, א באאווונטער מענטש, זאל דאס גוט דורכקוקן, פארמעקן יעדער מאטעריאל וואס איז שעדלעך, דארף קאסטן שיין געלט. צום סוף, האט מען געלערנט אזוי ווי ס׳שטייט און גייט מיט אלע שטותים: די וועלט שטייט שוין מיליאנען יאר און דג״ל. די גאס האט אבער גאר נישט געוואוסט דערפון. דעריבער פלעגט דער רבי, ווען זיינע טעכטער האבן געלערנט אין סאטמארער מיידל שולע, דורכקוקן אלע לערן ביכער, וואס זיי פלעגן אהיים ברענגען. זעענדיק די אומפאראנטווארטלעכקייט פון דער שול פארוואלטונג, וואס גיבן זיך נישט אפ קיין דין וחשבון, און באשטימען די קליינע קינדער, זיי זאלן ווערן די „מבינים״. און אפילו יא, דארף דאך דאס מיידל פריער דורכלייענען דעם גאנצן מאטעריאל ביז די ענדע. ווער קען גאראנטירן דערפאר, ס׳זאל איר ח״ו נישט שאטן אין עיקרי אמונה. אפילו ווען ס׳וועט זיך נישט באלד אן זעען?

ער האט זיך דורכגעשמוסט מיטן קאשוויוער רב שליט"א און נאך רבנים וועגן דעם. ווי אויך מיט הרב בערקאוויץ, מיידל שול-פרינציפאל. ס'איז געווארן א גרויסער אלארם און ס'האט זיך ארויסגעוויזן דער ביטערער אמת. סאטמאר איז זייער פעאיק, צו קריטיקירן און זוכן חסרונות ביי יעדן איינעם, אבער, נישט ביי זיך... ספעציעל האט זיך דאס נישט געלאזט גלייבן, אז דווקא סאטמאר, וואס זי האלט זיך פארן „ספעץ" אויף כפירה און מינות, און זייער גאנצער יסוד און „שיטה" איז געבויט אויף דעם. וואס אנבאלאנגט ציוניזם זענען אירע רעדל-פירער גרויסע מבינים צו פסל'ענען דעם גדול, אדער יענעם רבין אלס כופר בעיקר, און דא, צווישן די ווענט פון איר מיידל שולע, אין הייליקן וויליאמסבורג, זאל מען לערענן אפענע כפירה און עבודה זרה?!... ער האט געוואלט די גאנצע מעשה מפרסם זיין אין זייער „איד". אבער, חלילה מפרסם צו זיין אזא זאך. דער „איד" איז געשטעלט געווארן נאר צו קריטיקירן יענעם אבער נישט זיך...

## עפעס אויפגעטאן...

דער רבי האט זיך געווענדן צו די שול-פארוואלטונג, מיט א פארלאנג: דאס יעדער זאך וואס איז פארפאסט נישט דורך א הערלעכן באאווסטן איד, זאל נישט דערוועגן אריבער צו טרעטן די שוועל פון דער שולע. ספעציעל ווען ס'רעדט זיך וועגן קינדער פון די הערלכסטע חסידישע הייזער. אפגעהיטענע פון יעדן זינד. און אפילו, לאמיר שוין זאגן, אז עס געפינט זיך יא עפעס, אין דעם אלגעמיינם ביכל, וואס ס'קען מיטגיין. על כל פנים, לכל הפחות, דארף דאס ווערן פריער גוט קאנטראלירט דורך א מומחה און ירא שמים מרבים. אויסצוראמען, אפילו א פינטעלע, נישט כשר'ס, וואס מ'טאר נישט זען. זיי האבן זיך נישט גערעכנט

מיט זיינע ווערטער. דאך, עפעס, האט דאס אויפגעטאן. מ'האט אנגעהויבן צו פארפאסן כשר לערען מאטעריאל, פאר די קליינע קינדער, ווי ווייט מעגלעך, כדי זיי זאלן נישט דארפן צו פיל פארברענגען ארום די אלגעמיינע ביכלעך.

די רעדל-פירער, פלעגן זיך שטענדיק איבערנעמען. אלץ וואס זיי טוען, איז מיט דער פולער הסכמה פון סאטמארער רבין שליט"א [זצ"ל]. ביי דעם האט זיך ארויסגעוויזן דער שקר אין זיין גאנצער געפאלנקייט. ווי ק'מען אפילו נעמען אויפן געדאנק, אז דער רבי זאל מסכים זיין מ'זאל פיטערן קינדער פון זיין שולע בית רחל, מיט עבודה זרה, כפירה און מינות. אפילו נאר וועגן די לאנד-שפראך, איז דאך באוואוסט די קעגנערשאפט פון גדולי ישראל, שוין אפגערעדט וועגן אזעלכע לערן ביכלעך, וואס פארלייקענען תחיית המתים, אלע דרייצן עיקרים, יסוד פון אונזער אמונה. פון דעם איז צו זען ווי ווייט ס'איז זיך נישט צו פארלאזן אין עניני חינוך, אפילו אויף אזא קנאות'דיקע שולע ווי סאטמאר...

בע"ה, איז דער רבי, אין דעם קאמף, נישט געשטאנען אליין. צענדליקער אמת'דיקע אינגעלייט, יראי השם, זענען מיטגעשטאנען און מ'האט טאקע א סך אויפגעטאן אויף דעם געביט.

* * *

# קאפיטל 20

## כשרות אקציע

פאר שבועות, אין יאר תשכ"ו, איז דער רבי ארומגעגאנגען, צונויפמאכן געלט פאר א דבר מצוה. צווישן די בתי מדרשים, וואס ער האט באזוכט, איז אויך געווען דאס ווינער בית המדרש.

אריינקומענדיק דארט, באגעגענט אים א איד און א באַרד, און גיט אים א פרעג: גייט איר אין א שטריימל און א זיידענע קאפאטע? ענטפערט ער: יא!.

פרעגט דער איד ווייטער: גייט איר ווייסע זאקן אויך? דאס האט שוין דעם רבין, זייער געהארט. פארוואס פרעגט ער עפעס אזעלכע פראוואקאטיווע פראגן? ס'האט אים אויסגעזען ווי ער וויל זיך סתם טשעפען. ענטפערט ער דעם אידן: פאר 60 סענט קענט איר זיך אויך קויפן א פאר ווייסע זאקן...

דער איד, לאזט אבער נאך אלס נישט אפ. פרעגט אים דער רבי: ר' איד זאגט וואס איר מיינט מיט דעם!? מיט א תנועה, פון תמימות און גרויס ערלעכקייט, ענטפערט דער איד: איך בין א פשוטער איד. אן אינסטאלאטער. אבער, איך בין געווארנט ניט צו עסן, קיין זאך, וואס האט נאר אפילו א חשש פון ווערים. און איר, שטריימל-אידן, מיט בעקישעס און ווייסע זאקן, עסן זיך אן מיט ווערים...

דער רבי איז געווארן שטארק בארעשט, פון דעם אידנס ווערטער. ער ווענדט זיך צו אים מיט א בקשה: זאגט מיר דעם אמת, ווי אזוי עסן מיר ווערים?!...

ענטפערט דער איד: איך בין געווען, אין א באוואוסטע, חרדישע-קאמפאני, וואס פאבריצירט כשר-קרויט, און אלע ערלעכע אידן עסן דאס. זיך פארלאזנדיק אויפן הכשר-„לעיבל", וואו ס'שטייט: „געקליבן, כשר למהדרין מן המהדרין". אבער, למעשה, איז דאס קרויט אין גאנצן נישט געקליבן פון ווערים. אין די פאבריק שטייען, פארטאריקאנער גויים. נעמען א הייפטל קרויט, שניידן דאס איבער אויף פיר און ווארפן עס אריין אין מאשין. די מאשין צעשנייט שוין אויף קליינע שטיקלעך. איז דאס געקליבן קרויט?... פירט אויס דער איד, מיט ווייטיק.

## אויפשטעלן א וועד הכשרות...

דעם איד׳ס ווערטער האבן דעם רבין שטארק שאקירט. ווער ווייסט וואו מ׳האלט אין דער וועלט?!... ער האט זיך דורכגעשמועסט מיט זיין פריינט הרב ר׳ הערשל וועבער נ״י. נאך לאנגע דיסקוסיעס האבן זיי דעצידירט, דאס מ׳מוז אויפשטעלן א „וועד הכשרות״, וואס זאל קאנטראלירן אלע פאבריקן, וואס פראדוצירן כשר׳ע פראדוקטן פארן חרדי׳שן עולם. לויט וואס מ׳הערט זיך אן, ווער ווייסט וואס טוט זיך מיט: מילך, פלייש, קאנסערוון און דג״ל? צו עסט מען בכלל כשר?!...

*

## דער פראגראם פאר דעם וועד הכשרות:

**א.** יעדער קהילה זאל צו שטעלן, צוויי חשובע דעלעגאטן, וואס זאלן אנטיילנעמען אין דער ארבעט פון **„וועד הכשרות״.** שיקן געמישטע דעלעגאציעס, וואס זאלן קאנטראלירן די „כשר-פאבריקן״. אין פאל, זיי געפינען אויס, אז אין א געוויסע פאבריק, איז די כשרות נישט אין ארדענונג. זאלן באלד די באטייליקטע קהילה-פארשטייער מפרסם זיין מודעות אין זייערע בתי מדרשים: זייט וויסן, דער און דער פראדוקט, פון די און די פאבריק, איז נישט כשר, ביז צו א נייע מעלדונג. אזוי, וועט מען באלד וויסן, וואס איז כשר און וואס נישט.

**ב.** שאפן געלט פאר די הוצאות וואס זענען פארבונדן מיט דעם. קודם כל דארף מען האבן דריי אויטאמאבילן צו נעמען די אלע פארשטייערס צו די פאבריקן.

**ג.** ר׳ הערשיל וועבער נ״י, איז געפארן צום סקווערער רבין זצ״ל. דורכשמועסן מיט אים, וועגן אלע ענינים, וואס זענען פארבונדן מיט דעם. דערציילן וועגן דעם קרויט, וואס אלע

ערלעכע אידן עסן דאס, ווייל ס'האט א הכשר פון א באוואוסטן רב. לסוף, איז דאס אין גאנצן ניט געקליבן, און מ'שווייגט. ווי אויך, וועגן די גרינדונג פון א „וועד הכשרות". וואס זאל שטיין אויף די וואך, צו פארהיטן, ס'זאל אזא זאך, נישט געשען מער.

*

## סקווערער רבי זצ"ל שטיצט און מחזק די עסקנים

דער רבי האט די זאך ווארם אויפגענומען און שטארק מחזק געווען די עסקנים. ווי אויך צוגעזאגט צו שטיצן דעם וועד, אין ערשטן יאר, מיט 4 טויזנט דאלאר.

אויך קליוולאנדער רבי שליט"א, איז געווען זייער ווארעם צו דער זאך און געגעבן באלד, 2 טויזנט דאלאר, פארן ערשטן יאר.

דער אונגווארער גאון, הרב ר' מנשה קליין שליט"א, איז אויך צוגעשטאנען צו דעם ענין, און געגעבן פארן ערשטן יאר, 2 טויזנט דאלאר.

אין קורצן, די ערשטע זאך, וואס מ'האט גענומען קאנטראלירן איז געווען די „כשר'ע" קרויט פאבריק. צום באדויערן, האבן די עסקנים געטראפן, דעם מצב פון כשרות, אין דער דאזיקער פאבריק, אונטער יעדער קריטיק.

ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז אלץ וואס דער איבנדערמאנטער אינסטאלאטאר האט געזאגט, וועגן דער פאבריק, איז געווען הונדערט פראצענט אמת. כשרע עדות, האבן איבערגעגעבן: מיר האבן אלץ אונטערזוכט און געזען, אז די קרויט איז בכלל נישט געקליבן.

ס׳איז באלד פארופן געווארן, א געשלאסענע פארזאמלונג, פון אלע מיטארבעטער פון וועד הכשרות. מ׳האט דיסקוטירט דעם ענין, וויאזוי דאס צו פארעפנטלעכן? וויבאלד דא איז פארמישט א באוואוסטער רב-המכשיר, וועלן דאך, די אנדערע רבנים נישט וועלן ארויסגיין קעגן אים עפנטלעך. דעריבער, איז באשלאסן געווארן: זיך צו ווענדן צו די רבנים אין אן אופן, פון א שאלת חכם. נישט דערציילנדיק די גאנצע מעשה. ווייל ס׳איז געווען א פארדאכט, אויב מ׳וועט דערציילן דעם גאנצן אמת, ווי ס׳איז, וועלן געוויסע רבנים זוכן מתיר צו זיין, אלס צורך רבים, הפסד מרובה...

מ׳האט געפרעגט 12 רבנים די שאלה אין אזא אופן: איך האב געהאט יארצייט מוצאי שבת, נאך מיין טאטן ע״ה. מיין פרוי תחי׳ האט צוגעגרייט א מלוה מלכה, פאר הונדערט פופציק מענטשן, אין וויזשניצער בית המדרש. צווישן די מאכלים פאר דער סעודה, האט זי אויך פארגעברייט געפילט-קרויט.

אין מיטן דער סעודה, פרעגט מיך איינער פון די אנוועזנדע: „זייט אזוי גוט, האט טאקע אייער פרוי, אליין געקליבן דאס קרויט?״ האב איך געענטפערט: „ב״ה מיין פרוי איז א העכט אפגעהיטענע פרוי, וואס מ׳קען זיך פארלאזן אויף איר. בוודאי האט זי געקליבן ווי ס׳דארף צו זיין״. דער פרעגער לאזט נישט נאך: „זייט מוחל, פרעגט איר איבער, וויבאלד זי האט געדארפט צוגרייטן פאר אזא גרויסן עולם, בל״ע, טא וויאזוי, האט זי געקליבן די הייפטלעך קרויט? אפשר אמאל, צוליב די גרויסע ארבעט, האט זי נישט אזוי ריכטיק געקליבן?״...

איך הייב אויף דעם טעלעפאן אהיים, פרעג מיין פרוי: זיי אזוי גוט, זאג מיר גענוי, וויאזוי האסטו געקליבן די הייפטלעך קרויט? זי ענטפערט מיר רואיק, מיט א זיכערע שטימע: וואס

הייסט? כ'האב יעדן הייפטל קרויט צעשניטן אויף פיר און געקוקט, אויב ס'איז ריין פון ווערים, האב איך עס אריינגעלייגט אין דער מיל צוצומאלן!... אראפלייגנדיק דעם טעלעפאן-טראבל, קום איך צוריק אריין אין בית המדרש מיט מיין פרוי'ס ענטפער. כ'האב נישט פאספיעט צו פארענדיקן דעם זאץ, איז געווארן א מהומה אין בית המדרש: וואס הייסט, ווי ק'מען בכלל עסן אזא קרויט?...

אין דעם פריערדערמאנטן פארמאט, האט מען געפרעגט די שאלה. צום ערשט, דעם שאפראנער רב זצ"ל און די אנדערע רבנים. אלע האבן געענטפערט מיטן זעלבן לשון: מ'טאר נישט עסן דאס קרויט. דער שאלה-פרעגער, האט בשעת מעשה געפרעגט: ס'וועט דאך זיין א גרויסער בזיון פאר מיין ווייב? ס'קען דאך מיר שאטן צו שידוכים? מ'וועט זאגן: זי איז נישט באגלייבט אויף קיין שום זאך!... א גרויס אומגליק פאר דער גאנצער משפחה, חלילה?!... איך וויל גאר נישט ארויס ברענגען מיט מויל, וואס דאס קען גורם זיין?!... די רבנים האבן געהאלטן, דאס זיי קענען זיך נישט רעכענען מיט דעם און געשטאנען אויף זייער פסק: מ'טאר נישט עסן דאס קרויט!...

נאכדעם, ווי מיר האבן באקומען די ענטפערס אויף דער שאלה. די רבנים האבן נישט געוואלט, מתיר זיין דאס קרויט, באין-אופן. זיך נישט רעכענענדיק, מיט קיין היתר-מאטיוון, ווי: הפסד מרובה, צורך גדול, שעת הדחק און שלום בית, האט דער וועד הכשרות פארעפנטלעכט א פלאקאט אין די גאסן. אין וועלכן מיר שטעלן פעסט: מיר האבן באזוכט די פאבריק און געזען, ווי די גויים שניידן, די הייפטלעך קרויט אויף פיר שטיק אוןווארפן זיי אריין, אין דער מאשין. מיר האבן געפרעגט רבנים,

און אלע האבן געענטפערט: מ'טאר נישט עסן דאס קרויט און די כלים דארף מען כשר'ן.

דעם פלאקאט האט מען פארשפרייט, איבער דער שטאט, אין מיטן דער נאכט. אינדערפרי, ווען אידן זענען געקומען אין שול. דערזעענדיק די מודעה, וועגן די כשר'ע קרויט האט אויסגעבראכן א מורא'דיקע אויפרעגונג. די שטאט האט געקאכט, ווי א קעסל... מענטשן זענען געלאפן צוריקגעבן די סלויען קרויט. אנדערע, מיט אנגעהויבענע סלויען. דערביי, זיך גוט אויסגעבייזערט אויף דעם גראסערי-מאן: היתכן, דו פארקויפסט אונז קרויט מיט ווערים?... אוואו איז דאס געהערט געווארן?!... די גראסערי-לייט, זענען נעבעך, געשטאנען צעטומלטע. זיי האבן נישט געוואוסט וואס דא קומט פאר? זיי האבן זיך פארענטפערט. אויף די דזשארס שטייט מיט גרויסע אותיות: **„כשר געקליבן קרויט למהדרין מן המהדרין"**, טא ווי קען זיין מ'זאל דאס אין גאנצן נישט האבן געקליבן?!... די קונים, האבן זיך שוין, אפילו נישט צוגעהערט צו זייערע רייד. פון קויפן פרישע, איז דאך אפגערעדט. דער רבי, האט דעמאלט געהאט גערעדט מיט עטלעכע גראסערי-לייט. האבן זיי אים געזאגט: קרויט, איז נישט מער, קיין ארטיקל. קיינער וויל דאס נישט קויפן. כל זמן מ'האט נישט געוואוסט, האבן זיי געגעסן. אבער, ווייבאלד, זיי האבן זיך דערוואוסט, האט מען אויפגעהערט צו קויפן...

*

## דער רב-המכשיר לויפט ארום ווי א גע'סמ'טער...

## די מעשה הינטער די קוליסן:

דער פאבריקאנט פון דער „כשר'ער" קרויט, איז ארומגעגאנגען פון איין בית המדרש צום אנדערן, אראפרייסן די

פלאקאטן פון „וועד הכשרות״. זיין בעל המכשיר האט זיך דעמאלט געפונען אין ארץ ישראל. ער איז צוריק געקומען, צוויי וואכן נאכן טומל. ער האט אנגעהויבן ארומלויפן צו די רבנים, וואס האבן גע׳פסק׳נט, אז מ׳טאר דאס קרויט נישט עסן. דער רב-המכשיר האט געלייקנט די גאנצע מעשה. געשריגן געוואלד. די גאנצע זאך, איז א בילבול...

## רב-המכשיר רעדט מיט אונגווארער רב

ער האט אפגערופן טעלעפאניש אונגווארער רב (הרב קליין) און פרעגט: היתכן, איר האט פארעפנטלעכט א מודעה, אין וועלכן איר שטעלט פעסט, אז מטאר נישט עסן דאס קרויט, ווייבאלד ס׳איז נישט געקליבן?

**הרב קליין:** איך האב נישט פארעפענטלעכט קיין מודעה קעגן אייער הכשר! נאר, געענטפערט אויף א שאלה וואס מ׳האט מיך געפרעגט וועגן דעם. ענטפערט צוריק דער רב-המכשיר: די מודעות, זענען דאך געטייפט געווארן, דורך אייער טייפ-רייטער. טא וויאזוי קענט איר זאגן, אז איר האט גארנישט מפרסם געווען, קיין מודעות?... ענטפערט צוריק הרב קליין: עס דרייען זיך ביי מיר א סך מענטשן. אפשר, האט עמיצער דאס געטייפט אויף די שרייב-מאשין. אבער, אן מיין וויסן. וואס אן אמת, מ׳האט מיך געפרעגט וועגן דעם און כ׳האב געענטפערט, וואס דער דין איז.

**הרב קליין** האט איינגעזען, אז דער רב-המכשיר האט אויסגעפונען, אלע איינצלהייטן דורך פריוואטע דעטעקטיוון. האט ער באשלאסן, אים דערציילן, וואס ס׳איז דא פארגעקומען. ס׳זענען געקומען צו מיר 2 עדות. דערציילט, וואס קומט פאר אין דער פאבריק. ביילייגנדיק עדות בכתב, פון אידישע ארבעטער, וואס האבן געארבעט ביים קרויט. געזען אלס מיט אייגענע אויגן.

ס'איז זייער מעגלעך, אז ער דארף ענטפערן אויף א דרינגענדיקע שאלה. דעריבער, האט ער געווארט. טא וואס ווילט איר איצט? פרעגט אים הרב קליין. ער האט נאך אלס געהאט די חוצפה, צופארלאנגען: הרב קליין, פארעפנטלעכט אין די צייט-שריפטן: איר האט קיינמאל נישט געזאגט, אז דאס קרויט איז נישט כשר!... פרעגט ער אים צוריק: וואס וועט זיין מיט די אנדערע רבנים, וועלן זיי אויך מסכים זיין צו טאן אייער פארלאנג?!... ענטפער: „אוודאי געוויס!"... למעשה, האט זיך הרב קליין ארויסגעדרייט פון אים. ער האט מער גארניט פארעפנטלעכט וועגן קרויט.

*

## וויאזוי איז אויפגעדעקט געווארן דער ענין?

די פראדוצירער פונעם קרויט, האבן געדונגען פריוואטע דעטעקטיוון, מיט דער אויפגאבע, אויסצוגעפינען: ווער האט פארעפנטלעכט דעם פלאקאט? זיי האבן זיך געווענדן צו דער שרייב-מאשינען-קאמפאני און געקראגן אן ענטפער: אין ניו-יארק איז הרב קליין (אונגווארער רב, וויליאמסבורג), דער איינציקער וואס האט אזא סארט מאשין. אזוי ארום, האבן זיי געוואויר געווארן, ווער האט פארעפנטלעכט דעם איסור-פלאקאט. צווישן די 12 רבנים וואס האבן אונטערגעשריבן אויפן איסור, איז אויך געווען דער צעהלימער רב זצ"ל. ער האט באין-אופן זיך נישט געוואלט צוריקציען.

דער רב-המכשיר האט פארשטאנען. וויבאלד ס'איז אנטפלעקט געווארן ווער ס'האט פארעפנטלעכט דעם איסור-פלאקאט. וועט ער שוין קיין אנדערע נישט פארעפנטלעכן. דעריבער, האט ער פלאנירט א נייע סטראטעגיע. זיך ווענדן צו רבנים, זיי זאלן פארעפנטלעכן א דעקלאראציע

באשטעטיקנדיק, דאס ער איז א באוונט-פאראנטווארטלעכער רב-המכשיר. דורך דעם, הייבן זיין פערזענלעכן פרעסטיזש, ווי אויך פון זיינע הכשרים...

דער טריק איז געלונגען. 11 פון די 12, אויבנדערמאנטע רבנים האבן אונטערגעשריבן אויף אזא דעקלאראציע. צעהלימער רב זצ״ל איז געווען דער איינציקער וואס האט באין-אופן נישט געוואלט אונטערשרייבן.

ווען דער רבי האט דערזען, די אויבנדערמאנטע דעקלאראציע, מיט דער אונטערשריפט פון שאפראנער רב זצ״ל, צווישן די אנדערע רבנים. האט ער זיך צו אים געוואנדן, מיט אזא פראגע: מיין פרוי האט היינט אהיים געבראכט 2 דזשארס קרויט מיט א כשר-לעיבל: ,,כשר געקליבן קרויט למהדרין מן המהדרין״, אונטער די אויפזיכט פון הרב... ווען כ׳האב איר געפרעגט: ווי קומט עס, זאלסט קויפן דאס קרויט? ס׳איז דאך נישט געקליבן?... איז איר ענטפער געווען: אין ,,איד״ איז געשטאנען בפירוש, ,,דאס קרויט האט השגחה פון שאפראנער רב שליט״א״. וויל איך וויסן, וואס דער רב האט צוזאגן וועגן דעם? ער ענטפערט: ח״ו, איך גיב נישט קיין השגחה און אוודאי נישט אויף קרויט!...

*

## קאמף גייט אן...

דער רבי זעצט פאר זיינע רייד צום שאפראנער רב: מיין פרוי וויל מיר נישט גלייבן, אז איר זאגט אזוי. סיידן, זי וועט זען בפירוש אין ,,איד״ פון אייך, אז ס׳איז נישט אמת. אפילו אריבערקומען צום רב, איבערפרעגן, וויל זי נישט, אוןווארפט מיר פאר: אלץ וואס איך זאג וועגן קרויט איז, ווייל איך פארגין איר נישט, אביסל קרויט!... כ׳בין צו פרום פאר איר. מילא ווען

ס׳רעדט זיך וועגן סימילאק (קינדער-מילך), קען זי נאך פארשטיין. אבער ווען 11 רבנים זאגן כשר. טא וויאזוי קען איך זאגן טריפה?!...

דער רבי האט זיך נישט באגנוגנט מיט דעם. ער האט ארגאניזירט א גרופע אינגעלייט, וואס זאלן זיך אויך ווענדן צום שאפראנער רב, מיט ענלעכע מעשות-שאלות, ווי זיינע. ס׳האט טאקע געווירקט. שאפראנער רב איז געווען אן אמת׳ער ערלעכער איד. נאך א פאר וואכן, האט ער פארעפנטלעכט א מודעה אין „איד". אין וועלכן ער לאזט וויסן: „איך האב קיינמאל נישט געזאגט אז דאס קרויט איז כשר. נישט מער, ווי באשטעטיקט אז דער רב-המכשיר איז א רב וואס מ׳קען זיך פארלאזן אויף אים. אבער, חלילה, ס׳זאל עמעצן איינפאלן אז איך בין פאראנטווארטלעך דערפאר...

ס׳איז כדאי צו נאטירן. מ׳האט זיך אויפן זעלבן אופן געווואנדן, צו די אנדערע 10 רבנים. אבער, קיין איינער פון זיי, האט נישט געוואלט פארעפנטלעכן דעם אמת..

גאר א חשוב׳ער איד, האט זיך געווואנדן צום וואורדסלאווער רב, פרעגנדיק וועגן כשרות פון קרויט, און וויאזוי קען ער געבן א הכשר אויף דעם? דער ענטפער איז געווען: איך ווייס אליין אז דאס קרויט קאן נישט זיין געקליבן כשר ווי ס׳בדארף צו זיין צוליב כמה סיבות:

1. דאס קרויט ווערט לכתחלה געשניטן מיט דער מאשין, גאנצערהייט. יעדער וואס פארשטייט נאר אביסל אין דעם, קען דאס באמערקן; 2. ס׳זעט זיך אן אויף די שטיקלעך, וועלכעס איז געשניטן געווארן אין אנהויב (ווען דאס הייפטל איז געווען גאנץ) און וועלכעס שפעטער; 3. דאס וויכטיקסטע וואס מ׳דארף נעמען אין באטראכט איז: וויפיל קאסט א הייפטל קרויט?; דאס

דזשארל ?; ארבעטס געלט ?; ווי לאנג דארף נעמען צו קלויבן א הייפטל ? און סך-הכל קאסט א דזשארל קרויט 59 סענט. טא וואס ק'מען שוין דערוווארטן ? ער האט דעמאלט צוגעגעבן נאך מאטיוון פארוואס דאס קרויט קען נישט זיין כשר ווי ס'פאדערט זיך. אבער זענען פארגעסן געווארן, ווייל מ'האט זיי נישט פארצייכנט. ער האט אויסגעפירט: איך קען דעם רב-המכשיר, נאך פון אייראפע, ס'איז מיר שווער געווען אים אפזאגן פון געבן אן המלצה-בריוו.

*

## אטענטאט-פרואוו אויף הרב ר' צבי וועבער

די קרויט-פראדוצירער האבן געדונגען 2 שווארצע בריאנעס. זיי האבן מיט א טראק אפגעווארט ר' צבי וועבער נ"י. דער רבי האט זיך דערוואוסט דערפון. האט ער מיט נאך א חבר, געשטאנען מיט אייזערנע שטאנגען און געהיטן אויף אים. אין פאל, די שווארצע זאלן אנפאלן, וועלן זיי, מיט זייער ,,כלי-זיין" באשיצן ר' צבי. די רביצין תחי' פון הרב ר' צבי וועבער, איז פון נאטור א ציטערדיקע. זי איז געווארן אויסער זיך פון מורא, וואס דא קאן נאך פאסירן, חלילה ?... ס'זענען אריבער א פאר טעג. מ'האט געטאן פארשידענע פעולות און אינטערווינירט וואו מ'באדארף. מ'קען נאך נישט איצט מפרסם זיין וואס ס'איז געטאן געווארען, ביז די פאבריקאנטן האבן אויפגעהערט, מיט זייערע דראאונגען און מיאוסע שטיק...

נאך א געוויסע צייט. האט דער רבי און די מיטהעלפער זיך איבערצייגט. די רבנים, כאטש זיי ווייסן געניו, ווי דער מצב פון כשרות זעט אויס. פונדעסטוועגן, זענען זיי נישט אינטערעסירט צו העלפן, אין דעם קאמף, צופארבעסערן דעם מצב הכשרות. דאס האט זיי געשטויסן אויפצוגעבן די אקטיוויטן פון וועד

הכשרות. א צייט שפעטער האט דער רבי מיט ר׳ הערשל וועבער נ״י, געגרינדעט די חברה ,,הצלה״. זיי האבן די נייעס פארעפענטלעכט אין ,,איד״ און אין ,,אלגעמיינעם״.

* * *

# קאפיטל 21

## ,,הצלה״-אקציע

אין אנהויב, ביים גרינדן דער חברה ,,הצלה״, זענען געווען, נאר, דריי הילפס-וואלונטירן. דאס ערשטע מאל וואס זיי זענען געלאפן געבן הילף, איז גראד געווען יום-כיפור ביינאכט. ס׳איז געווען א שווערער פאל. זיי האבן געמוזט גיין אלע דריי צוזאמען. די נאכט, איז געווען זייער א ,,ביזי״ נאכט, מיט א הצלה-רופן. יעדער איז געווען פארנומען מיט הילף-באדערפטיקע.

ראש השנה פון דעם יאר, איז דער רבי איינגעשטאנען, ביי א באוואוסטן רב. א מחבר פון ספרים, וואס איז געווען א חולה מסוכן. ער האט געוואוינט נישט ווייט פון סאטמארער בית המדרש. דער קראנקער האט געהאלטן, אז חלילה, קען ער אויסגיין יעדער מינוט, ל״ע. איז ער געווען ביי אים א גאנצן טאג, וועגן דאקטוירים, רפואות און האספיטאליזאציע. ער האט נישט געקענט גיין דאווענען אין א בית מדרש. פאר זיך געבלאזן שופר. ס׳איז טאקע געווען א מצב פון פיקוח נפש, און דאס איז דוחה כל המצות שבתורה.

אנפאנג, האט דער רבי, זייער א סך צו געהאלפן פאר די „הצלה". ארום יענער צייט, האט ער, אבער, אנגעהויבן צו טאן וועגן ספר „נפש ישעי", וואו ס'רעדט זיך וועגן מאכלות אסורות. ער האט גע'טענה'ט צו ר' הערשל וועבער נ"י, אז אלע אומגליקן נעמען זיך פון דעם, וואס מ'עסט מאכלות אסורות. (ס'איז דא א סך וואס צו דערציילן פון יענער „הצלה-תקופה". נאר דאס, ביי אן אנדער געלעגנהייט).

איין „הצלה" פאל, איז כדאי אים צו פארצייכענען. אין א געוויסן מוצאי-שבת, 12 ביינאכט. ס'זענען אריינגעקומען דריי הילפס-רופן מיט אמאל. דער רבי איז גערופן געווארן צו א פאציענט. בקיצור, די רעטונגס-אפאראטן האבן געוויזן, אז ער אטעמט שוין נישט. ס'איז נישטא מער, וואס צו טאן מיט אים. דער מענטש איז, חלילה, מיואש. ער האט באלד געהייסן עפענען אלע פענסטער, ווייל ס'איז געווען זייער הייס אין שטוב. ווארעם מתפלל געווען. איבער געגעבן זיינע אלע זכותים, ווי אויך דעם זכות פון די מצות-הצלה, זאל אים ביי שטיין, אין די קריטישע מינוטן. נאך א קורצע ווילע, האט מען געזען בחוש, חסדי השם. דער חולה האט זיך געגעבן איין ריר. אנגעהויבן צו אטעמען. דאן האט מען אים גענומען אין שפיטאל, און ער האט נאך געלעבט 20 יאר.

דער רבי האט אוועקגעגעבן פאר „הצלה" א סך כוחות פיזישע און גייסטליכע. ער איז געווען כמעט אינגאנצן איבערגעגעבן דערפאר. השי"ת זאל העלפן מ'זאל קענען פארעפנטלעכן אלע געשעענישן פון יענער תקופה. ער האט דעמאלטס פארפאסט א סך מודעות וועגן דעם. נישט אלע זענען פארעפענטליך געווארן.

# קאפיטל 22

## סת"ם-אקציע

אין יאר תשכ"ה, האט דער רבי געוואוינט, ווי פריער דערמאנט, אין 171 טיילור סטריט. צוזאמען מיט הרב ר' צבי וועבער נ"י. האט אים דעמאלט א איד דערציילט. ער האט געגעבן זיינע תפילין בודק צו זיין. געפינט אויס דער סופר. די פרשיות זענען פסול, רח"ל. זיין רעאקציע אויף דעם, איז געווען. ער האט מפרסם אן אויפרוף מ'זאל זיין געווארנט: קויפן תפילין, מזוזות, נאר ביי א סופר-ירא שמים. דערצו האט ער אויך דערציילט די מעשה וועגן די פסולע פרשיות צום שכן זיינעם ר' הערשל'ען. ענטפערט ער אים, איך וועל אייך דערציילן, אן אינטערעסאנטערע מעשה:

מיט יארן צוריק, האט עמיצער געקויפט תפילין אין „ירושלים" ספרים-סטאר, וואס איר באלעבאס איז ר' יוסף אשכנזי, גבאי ביים סאטמארער רבי'ן. די תפילין זענען געווען פסול לכתחלה. זיי האבן טאקע געהאט א הכשר פון ציוניסטישן ראבינאט אין מדינת ישראל. אבער די בתים, זענען געווען ליידיק אן פרשיות.

## „ירושלים" ספרים געשעפט פארקויפט פסול'ע מזוזות...

ר' הערשיל איז ממשיך: דאס ערשטע וואס כ'האב געטאן איז געווען, פארעפנטלעכן א פראטעסט-פלאקאט, קעגן די סוחרים וואס פארקויפן פסול'ע תפילין און מזוזות. כ'האב אבער איינגעזען אז דאס איז נישט גענוג. ווער מען וועט איינפאלן, אז ביי ר' יוסלען, אליין, ק'מען קריגן עכט פסול'ע תפילין און מזוזות? יעדער האלט דאך אז, ביי ר' יוסלען איז דאס זיכערסטע ארט צו

קויפן די פארלעסלעכסטע כשר'ע תפילין און מזוזות. דעריבער האט ער געטאן א דבר-חכמה. עס זאל אנטפלעקט ווערן דער ריינער אמת, פאר אלעמען. ער האט אריינגעשיקט אן ענגלישן אינגערמאן צו ר' יוסף אשכנזי, ער זאל ביי אים קויפן א סידור מיט אן ענגלישע איבערזעצונג, און א מזוזה מיט א שיידל, דערביי זאל ער אויך קויפן ביליקע מזוזות מיטן הכשר פון „רבנות" און בעטן א קבלה פאר די געלט וואס ער באצאלט. דער אינגערמאן האט אזוי געטאן. גענוי ווי וועבער האט אים געהייסן. ר' הערשיל נעמט דאס גאנצע פעקל מיט דער קבלה צוזאמען און גייט אריבער צום סאטמארער רבי'ן זצ"ל, מאכט אויף די תפילין אין רבינ'ס געגנווארט. די תפילין זענען געווען לער אָן פרשיות. ער גיט צו: די תפילין זענען געקויפט געווארן, ביי זיין גבאי, ר' יוסף אשכנזי. ער ווייזט אים אויך דעם לעיבל פון „רבנות" און דער קבלה, אויף אלץ וואס דער אינגערמאן האט דארט געקויפט. דער רבי זצ"ל ווערט אויסער זיך. שטייט אויף פון שטול, הויבט אן ארומצולויפן איבער דעם צימער. ער כאפט אן זיין בארד, אין א זייער גערעגטע שטימונג, און שרייט אויס: „אויף מיין בארד פארקויפט מען פסול'ע תפילין און מזוזות!..."

## אשכנזי נעמט די זאך לייכטזיניק...

דער רבי זצ"ל שטעלט זיך אפ א מינוט, און זאגט צו ר' צבי וועבער: הער מיר איך אויס. דא האסטו געלט, מארגן זאלסטו אריינשיקן א צווייטן מענטש מיט געלט צו ר' יוסלען, ער זאל בעטן צו קויפן די זעלבע תפילין, ווי די וואס ליגן פאר אונז... איך וויל זען צו ער וועט נאך אלץ פארקויפן די סחורה. נאכדעם ווי איך וועל אים היינט ביינאכט דערציילן אלץ וואס דא איז פארגעקומען?... איך האב מורא צו קומען נאך אמאל מיט אזא פעקל?!... ענטפערט אים ר' הערשיל וועבער דער חשד וועט באלד פאלן אויף מיר. ר' יוסל וועט זיך שנעל כאפן, דאס איך בין

דער, וואס האט דערציילט פארן רבי׳ן די גאנצע מעשה. ער ווייסט שוין פון פריער, אז איך האב מפרסם געווען מודעות וועגן דעם ענין. מ׳קען אנשטעלן א פאר בריונים ארום דעם הויז. מיטן באפעל: ווען איך קום צו, זאלן זיי מיך אזוי „מכבד״... זיין, איך זאל שוין נישט קענען אריינקומען צום רבין. און אפשר גאר. פשוט, ליקווידירן...

ענטפערט אים דער רבי זצ״ל: איך האב פארדעם אויך אן עצה! קום צו ארום 2:30 בייטאג. דעמאלט, איז קיינער נישטא. דעם הויז-בחור, וועל איך שוין משלח זיין. וועסט אנקלאפן אין פענסטער. וועל איך שוין אליין אויפמאכן די טיר. דו, טו נאר וואס איך זאג דיר, און אלס וועט זיין אין בעסטן ארדענונג.

דארפסט גארנישט מורא האבן!... ר׳ הערשיל האט מקבל געווען אזוי צו טאן, און איז ארויס פון שטוב.

א טאג שפעטער, ר׳ הערשיל איז דא מיטן פעקל. מ׳מאכט אויף די תפילין, מ׳טרעפט דאס זעלבע ווי פריער: אינגאנצן לער!... ווי פרשיות, וואס פרשיות, ל-י-י-ד-י-ק...

דער רבי זצ״ל איז געווארן, נאך מער אויפגעקאכט ווי ביים ערשטן מאל. ער שרייט אויס: וואס, נאך אלעמען (נאך דעם פארוואורף וואס ער האט געגעבן פאר ר׳ יוסלען) פארקויפט מען די זעלבע סחורה? מ׳שעמט זיך גאר נישט? שוין. לית דין ולית דיין? ר׳ יוסל, דער חשוב׳סטער איד אין שטאט. ער אליין זאל פארקויפן פסולע תפילין או מזוזות און אפנארן די גאנצע שטאט?... ק׳מען צו לאזן אזא זאך?... מעג מען צו לאזן אזא זאך?!... היו לא תהי׳!...

ער ווענדט זיך צו ר׳ הערשל וועבר און זאגט אים: זעסט דאך וואס דא גייט פאר. דעריבער, זע איך נישט קיין בעסערע עצה

נאר, ווייבאלד איך פאר קיין וואשינגטאן פראטעסטירן קעגן די ציונים אין ארץ ישראל. ס'וועלן זיך בוודאי צונויפקומען טויזנטער אידן, וועל איך שרייען דארט רעדן וועגן דעם ענין. ער שטעלט זיך אפ א מינוט און זעצט פאר: ס'קען בעסער נישט זיין... מיט דעם, האט דער רבי זצ"ל אים אפגעזעגנט.

נאכאלעמען, זעט אויס, ער האט זיך איבערגעלייגט, מ'קען נישט רעדן וועגן פערזאנען. ס'וועט נאך ערגער מאכן. דעריבער האט ער, ארומגערעדט דעם גאנצן ענין, אבער אין אלגעמיינע טערמינען. נישט באריהרט קיין פערזאנען. זיינע רייד האבן געמאכט א גרויסן רושם אויף אלע אנוועזנדע. ב"ה, ס'האט א סך געהאלפן אויף דעם געביט.

*

## די דרשה אין וואשינגטאן

דער רבי האט זיך באלד פארשאפט א ,,טייפ", פון דער דרשה וועגן תפילין און מזוזות. איבערגעשריבן דעם גאנצן אינהאלט. דאס פארעפנטלעכט און פארשפרייט, אין א בראשור פארם, אין דער גאנצער שטאט. א צייט שפעטער, האט ער דאס איינגעשלאסן, אין ספר ,,נפש ישעי" קאפיטל 7.

נאך א צייט אפשניט פון א פאר יאר, איז דער רבי געווען אין אשכנזי'ס ספרים געשעפט. געזוכט צוקויפן ספרים-אנטיקן. אזוי שטייענדיק, קומט אריין א איד און וויל קויפן קליינע מזוזות. דער פארקויפער גיט אים פיצעלעך מזוזות. פרעגט אים דער קונה, אזוי תמימות'דיק: זענען די מזוזות הונדערט פראצענט כשר?! ענטפערט דער פארקויפער: אט-שטייט דא, אן ארץ ישראל איד, וואס ער האט זיי געברענגט. אדרבה, פרעגט אים?... ער רופט אים צו, און פרעגט: זענען די מזוזות באמת כשר?! דער איד ענטפערט: איך ווייס גארנישט וועגן די מזוזות. נישט מער, וואס

איך בין דער שליח זיי צו ברענגען איינגעפאקטערהייט. איך נעם נישט קיין אחריות אויף זיי!... דער פארקויפער האקט איבער זיינע רייד, מיט דער פראגע: דער סוחר וואס פארקויפט די מזוזות איז א ירא שמים?!... ביי דעם איז עס געבליבן...

נאך דעם ווי דער „שליח" איז ארויס פון געשעפט. איז אים דער רבי נאכגעגאנגען, און גיט אים א פרעג: ר' איד, זייט אזוי גוט, פון וואנען קומען די מזוזות?! ענטפערט ער אים: איך ווייס נישט! איך ברענג נאר א פאר מאל א יאר, א קליין פעקל פאר ר' יוסל'ן און מ'באצאלט מיר גוט פארן שליחות.... איך האב אבער, קיינמאל נישט געטראכט: אז קוק'נדיק אויף מיר וועלן אידן קויפן נישט קיין כשר'ע מזוזות. פון היינט און ווייטער וועל איך שוין מער, באין-אופן נישט ברענגען קיין פעקלעך מזוזות!.

דער רבי, האט ממשיך געווען וועגן דעם ענין מזוזות. פארעפנטלעכט הונדערטער קול-קורא'ס וועגן ענין מזוזה. ווי אויך פארשפרייט צענדליקער טויזנטער ספרים און ארטיקלען אין „תורה-וועלט", „אלגעמיינער זשורנאל", וואו ער רעדט ארום באריכות וועגן גאנצן ענין. איינגעשלאסן וועגן מזוזות אין די באנגאלא-קאלאניעס אין די בערג, זומער.

קיין נחת האט דער רבי, נישט געהאט פון דעם. מ'האט אים געררודפ'ט פון אלע זייטן. די ספרים הענדלער האבן אים געוואלט איינשלינגען לעבעדיקער הייט. ער איז אמאל אריינגעגאנגען אין א ספרים-געשעפט, פארקויפן זיינע ספרים. דער סוחר רעדט צו אים מענטשלעך און פיין. מ'פארהאנדלט. מזאגט שוין באלד מזל און ברכה...

פלוצלונג קלינגט דער טעלעפאן. דער סוחר הייבט אויף דעם טראבל: האלא! יע. הערט זיך צו א פאר מינוט און הענגט אויף דעם טראבל. ער ווערט רויט פון צארן. ער זאגט צום רבין:

ווי אזוי ווילט איר, איך זאל פארקויפן אייערע ספרים, אין וועלכע ס׳שטייט אז איך בין א גנב? !... ענטפערט אים דער רבי: ווי פאלט אייך איין אזא זאך? איך שרייב דאך נאר וועגן מוסר און וואָרענונגען וועגן כשרות און דג״ל! קומט מיט מיר, זאגט צו אים דער סוחר, וועל איך אייך שוין ווייזן אז ס׳שטייט יא !... וואס וועט איר דעמאלט זאגן? !...

*

## מזוזה-סוחרים צארענען...

ער מאכט צו דאס געשעפט. צוזאמען מיטן רבין אריבערגעגאנגען צו זיין שטוב. ער נעמט ארויס דאס ספר ,,אהלי ישראל״ ווי ס׳שטייט: מ׳פארקויפט היינט תפילין מיט פרשיות ורצועות פאר 22 דאלאר א סעט. זאל מ׳זיין געווארנט: דאס די פרשיות זענען נישט מער ווי פאפיר. די רצועות זענען שטריקלעך... דער סוחר שרייט אויס: ווי האט איר אזא העזה צו שרייבן אזעלכע ווערטער? !... איך אליין צאל פאר דעם 16 דאלאר און פארקויף זיי פאר 19 דאלאר. אין פאל, וואו אנדערע געשעפטן פארקויפן יעדער פרשה פאר 22 דאלאר. זיי האבן א הכשר-לעיבל פון ,,רבנות״. טריזנטער אידן לייגן זיי, אלס הונדערט פראצענטיקע כשר׳ע תפילין. טא וואו נעמט זיך צו אייך אזא פארשארטע חוצפה אזוינס צו זאגן. נאך מער, צו דרוקן פאר א וועלט? !... ער לייגט צו: איך וויל ניט האבן מער אייערע ספרים אין מיין געשעטפט און אים צוריקגעגעבן אלע ספרים.

דער רבי, האט אויך באקומען דראאונגס-בריוו פון ספרים-הענדלער, וועגן זיין קאמפעין קעגן די פסולע מזוזות און תפילין.

ס׳איז כדאי צו דערמאנען צום גוטן. דעם אייגנטימער פון ספרים-געשעטפט ,,שיין״ אין קראון-הייטס. וואס האט זיך נישט

געבייזערט אויפן רבין, וואס איז מעורר וועגן דעם. נאר, אדרבה, איז געווען זייער דאנקבאר פאר דעם. אים צוגעגעבן די פסול'ע מזוזות, גרויסע און קליינע. אלס מוסטער, צו ווייזן, וואס ער האט געהאט אין געשעפט ביז דאן. (דער רבי שליט"א, האט זיי נאך עד היום, ביי זיך). צוגעבנדיק: א שאד וואס איך האב נישט געהערט וועגן אייך ביז איצט. מיט א קורצע צייט צוריק, ברענגט מיר עמעצער אריין אין געשעפט, 6 אינטשיקע מזוזות. איך גיב א קוק: דער כתב, איז ספעציעל זייער שיין. די אותיות זייער בולט פון ,,פארמענט". לכאורה זייער גוט. אבער, ווען איך האב איבער געדרייט די ,,מזוזה" אויף דער צווייטער זייט, איז מיר טונקל געווארן אין די אויגן: ,,פרינטעד אין דזשאפען". ,,געדרוקט אין יאפאן". דער ,,סופר"-סוחר, האט געדרוקט די מזוזות אין יאפאן, אויף א סארט פאפיר, וואס ס'האט ממש אויסגעזען ווי פארמעט. ווען נישט, וואס דער סוחר האט פארגעסן אנצוזאגן דעם דרוקער נישט צו שרייבן וואו די מזוזות זענען געדרוקט געווארן. וואלט נישט געווען מעגלעך צו דערקענען, אז דאס איז געדרוקט. נישט געשריבן. אזוי קונציק האבן זיי דאס געדרוקט... נאך מער איז צו שטוינען, דער סוחר האט דאס גארנישט באמערקט און אזוי פארקויפט ווייטער. אזוי גלייכגילטיק זענען זיי.

א טייל פון די מודעות וועגן דעם, זענען געדרוקט געווארן אין די ספרים:

**1. אהלי ישראל; 2. תפארת מתתי-הו; 3. מזוזת ישראל כהלכתה.**

דער רבי, האט נישט נאר שריפטלעך געווארנט וועגן דעם ענין. נאר אויך מונטלעך. ער האט געהאלטן אן אויפקלערונג-דרשה, אין בית המדרש הגדול אין בארא פארק, א געוויסן שבת. בס"ד איז די ארבעט נישט געווען אומזיסט, ס'האט א סך אויפגעטאן...

# אפענע ניסים דורך א מזוזה...

ער האט ארויסגעבראכט, וואס דער בית-יוסף ברענגט, אז ביי מזוזה זעט מען אפענע נסים. ווער ס'האט א מזוזה ווערט ניצול, און ווער נישט, חלילה פארקערט. ס'איז געפארן אן עראפלאן קיין ארגענטינע מיט 170 פאסאזשירן. אין מיטן וועג האט דער עראפלאן געקראכט. אלע פאסאזשירן זענען אומגעקומען, אחוץ 6 אידן וואס זענען געבליבן לעבן. איינער פון די זעקס, איז נאכער געשטארבן, פון זיינע וואונדן. די אנדערע פינף, איינער איז געבליבן הענגען אויף א בוים, ס'איז אים גארנישט געשען. א צווייטער האט צעבראכן א פוס, די רעשט זענען לייכט פארוואונדעט געווארן. אלע זענען געהיילט געווארן, נאך א קורצע צייט.

די נייעס איז דאן פארעפענטלעכט געווארן עס איז געווען א גרויסער קידוש השם. אלס נייגעריקייט האט מען נאכגעקוקט די מזוזות פון די 6 אידן, אין זייערע היימען. אינטערעסאנט: ביי די וואס זענען געבליבן לעבן זענען די מזוזות געווען כשר, און ביי דעם וואס איז געשטארבן פון די וואונדן איז,ליידער, די מזוזה געווען פסול...

נאך די דרשה איז צוגעקומען א איד צום רבי'ן שליט"א, אים געבעטן ער זאל צוווארטן ביז מוצאי שבת. ווייל ער וויל ברענגען זיינע מזוזות איבערצוקוקן. ער ברענגט זיינע 9 מזוזות און דערציילט: איך האב געבעטן דעם מזוזה סוחר, גיט מיר הונדערט פראצענטיקע כשר'ע און שיינע מזוזות און דאס וואס ער האט מיר געגעבן. בקיצור, אלע מזוזות זענען געווען פסול. איינע וואלט מען אפשר, בשעת הדחק, געקענט נוצן. די גרויס פון די מזוזות איז געווען אן אינטש און האלב. גראדע האט זיך געמאכט. ס'איז דארט געווען, אן ארץ ישראל איד, א סופר. ער האט אויך אזוי געהאלטן ווי דער רבי.

דער רבי זאגט צו דעם אידן: גייט צוריק צום ספרים-געשעפט וואו איר האט געקויפט די מזוזות, זאגט דעם בעל הבית, אז צוויי רבנים האבן אייך געזאגט, די מזוזות זענען נישט כשר. זאל ער אזוי גוט זיין, אויסטוישן אויף כשר׳ע. דער איד האט אזוי געטאן. צו זיין גרויס איבערראשונג, ענטפערט אים דער מזוזה-סוחר: ר׳ איד, איר מאכט א טעות. איר האט די מזוזות נישט געקויפט ביי מיר!... דעם אידן איז ממש טונקל געווארן פאר זיינע אויגן, פון דעם ענטפער. ער שטארקט זיך מיט אלע כוחות און זאגט צום סוחר: אנטשולדיקט מיר, וויאזוי קענט איר מיר זאגן אזא ליגנט אין פנים אריין. איר געדענקט נישט ווי איך האב געבעטן, איר זאלט מיר געבן הונדערט פארצענטיקע שיינע מזוזות. ס׳האט אים גארנישט געהאלפן... ער איז ארויס פון געשעפט פארשעמט, צעבראכן, אן מזוזות, ווי אויך אן זיין געלט.

דער איד איז צוריקגעקומען צום רבי׳ן. רבי, וואס טוט מען ווייטער. ווי אזוי קויפט מען פרישע מזוזות, אן מ׳זאל מיך ניט נאכאמאל אפנאראן? הערט מיך צו ר׳ איד, זאגט אים דער רבי: נאך אמאל, ווען איר קויפט פרישע מזוזות. זאלט איר באצאלן מיט א טשעק. דער סוחר זאל אייך געבן א באשטעטיקונג, דאס איר האט געקויפט די מזוזות ביי אים. אנגעבנדיק דערביי, די מאסן און קוואליטעט פון די מזוזות, נאמען פון סופר און מגיה. נאכער זאל ער גיין צו א סופר-מומחה, ער זאל זיי איבערקוקן, צו זיי זענען כשר.

דאס אינטערעסאנטסטע איז. דער פריער דערמאנטער מזוזה-סוחר, איז געווען איינער פון די חשוב׳בסטע אידן אין ברוקלין. ליידער, איז מען אזוי מכשיל תמימות׳דיקע אידן, וואס ווילן מקיים די מצוה פון מזוזה ווי ס׳דארף צו זיין.

* * *

# קאפיטל 23

## „קראָקע"... אין אמעריקע

אין יאר תשל"ה, נאכדעם וואס ס'איז באוואוסט געווארן, אז מ'איז מכשיל כלל ישראל מיט נבילות און טריפות, און קיינער גיט נישט אפילו א פיפס. איז געווארן א מורא'דיקער אויפברויז, אין שטאט. אידן האבן געשטורמט, היתכן ? !... מענטשן האבן זיך געריסן די האר פון קאפ, ווען זיי האבן זיך דערוואוסט. מ'האט זיי, יארן לאנג, מאכיל טריפות געווען, רח"ל. מאכט זיך פונקט דעמאלט, דער רבי באקומט דורך פאסט, א תורה-זשורנאל פון ארץ ישראל. ארויסגעגעבן דורך „דאס אידישע ליכט" דארט. דער זשורנאל האט א הסכמה פון ירושלימער בית-דין. וואו זיי בעטן אריינצוקוקן אין דעם זשורנאל, וואס איז פול מיט מוסר און יראת שמים. ער כאפט א קוק אין ספר. טרעפט ער דארט, א מורא'דיקע פאסירונג, וואס איז געשען אין דער שטאט קראקע. אין צייט ווען דער „מגלה עמוקות" זצ"ל איז דארט געווען רב: **צוויי קצבים האבן זיך מודה געווען אין מאכיל זיין, מאסן אידן נבילות און טריפות במשך דרייסיק יאר. אלץ אונטער דער השגחה פון שטאט רב. דער רבי האט אין דער מעשה געזען: ווי גרויס איז דער כוח פון „בעל-דבר". אפילו דער „מגלה עמוקות", וואס האט געהאט גילוי-אליהו, ווי נאר ער האט געוואלט. ער האט גוזר-תענית געווען אויף די צרות וואס זענען געקומען אויף דער שטאט. אויך האט מ'אים געוויזן אז ס'קומט א גרויס אומגליק אויף דער שטאט. פונדעסטוועגן האט מען פון אים פארהוילן, אז אלע צרות קומען נאר צוליב די מאכילי טריפות, רח"ל.**

ער האט דאס גענומען אלס א וואונק פון הימל. גראדע דעמאלט, ווען מ׳האט געכאפט די מאכילי טריפות׳ניקעס. וואס מ׳האט זיך דעמאלט, נישט געקענט גלייבן, אז אלץ וואס מ׳דערציילט איז אמת. ספעציעל, ווי קען דאס געמאלט זיין. א גרויסער טייל אידן, זאלן עסן נבילות און טריפות און קיינער זאל נישט וויסן? דאס ספר׳ל האט שוין אויפגעוועקט, דעם עולם פון זיין זיסן שלאף, ווי ,,חוני המעגל״. זיי האבן שוין איינגעזען. אז ס׳איז שוין געשען אמאל אזא זאך. און דווקא אין קראקע, אונטער דער השגחה פון **,,מגלה עמוקות״**. ממילא איז דאך שוין גארנישט קיין וואונדער, אז ס׳קען געשען אין דעם מגושמ׳דיקן אמעריקע.

אויס מורא פאר די ,,פרומע-טעראריסטן״ האט דער רבי געדרוקט דאס ספר וועגן ,,קראקע״ נישט אויף זיין אדרעס, נאר אנגעגעבן די אדערעס פון א ישיבה, אין 192 קאנארסי גאס. די פאסט וועגן ספר, זאל דארט אנקומען.

*

## זיי... סטראשען...

אין א געוויסן טאג, קומען אריין, אין דער פריער דערמאנטער ישיבה, א גרופע פון די חברה און פרעגן: ווער איז דאס דער פארברעכער, וואס האט געדרוקט דעם דאזיקן ספר?!... גראד דעמאלט, איז ארויסגעגאנגען א בחור פון רבינ׳ס מענטשן. גיט ער זיי אפרעג: ווּעמען זוכט איר דא?! און וואס איז אייער באגער?! זאגן זיי אים: מיר זוכן דעם פארברעכער וואס האט געדרוקט דאס דאזיקע ספר! ענטפערט דער בחור: איך האב קיין אנונג נישט, ווער ס׳האט געדרוקט דאס ספר!... די חברה האבן זיך אפגעטראגן.

א צייט שפעטער, האבן זיי געשיקט א בריוו אין ענגליש צו דער ישיבה. אין וועלכן זיי ווארענען: אויב זיי וועלן כאפן דעם וואס האט פארעפנטלעכט דאס ספר, וועט ער שוין קיין לעבעדיקער נישט ארויס, פון זייערע הענט!... בעסער זאל ער אויפהערן צו פארשפרייטן דאס ספר.

דער רבי, האט דאס ספר מיט דער „מעשה-קראקע", געדרוקט און פארשפרייט, דורך פאסט. אין דער ערשטער אויפלאגע, 2 טויזנט עקזעמפלארן. אין דער צווייטער אויפלאגע, 5 טויזנט עקזעמפלארן. אויך דאס מאל פארשפרייט דורך פאסט. יעדער ספר האט געקאסט 10 סענט פאסט-הוצאות.

אין דער דריטע אויפלאגע, האט דער רבי געדרוקט דאס ספר, צוזאמען מיט שיינע, אינטערעסאנטע בילדער. גרויס, פון 6 ביי 9 אינטש, יעדער בילד.

ביי דער אויפלאגע, האט ער געפונען פאר נויטיק, איבערצוזעצן דאס ספר אויך אויף ענגליש. ער האט טאקע דאס ארויסגעגעבן אין 110 זייטן, מיט זייער שיינע בילדער. צוגעבנדיק דאס ספר „די ענציקלאפעדיע פאר כשרות".

א צייט שפעטער, האט ער נאכאמאל געדרוקט דאס ספר צוזאמען מיט דער „ענציקלאפעדיע וועגן ציצית" איבער טויזנט עקזעמפלארן.

דא נישט לאנג צוריק, האט ער נאכאמאל איבערגעדרוקט דאס ספר אין ענגליש, צוזאמען מיט דער „ענציקלאפעדיע וועגן שבת" 5 טויזנט עקזעמפלארן.

דאס ספר איז אויפגענומען געווארן, מיט כבוד און דרך ארץ. ביי אלע וואס האבן דאס געזען. ס'האט אויפגעמאכט די אויגן פון די מענטשן. זיי האבן איצט, אנגעהויבן צו גלייבן, וואס

קומט דא פאר באמת. כאטש זייער מוח און הארץ איז פארשטאפט מיט מאכלות אסורות, וואס זיי האבן זיך אנגעגעסן די אלע יארן.

* * *

# קאפיטל 24

## כשר-לפסח מעדיצינען

ווען דער רבי האט געגרינדעט דעם ,,וועד הכשרות", אין יאר תשל"ד. איז איין פראיעקט געווען. זיך אפצוגעבן מיט אויספארשן, וועלכע מעדיצינען זענען כשר פאר פסח? גענוי ווי ס'האט געטאן דער ,,מדריך הכשרות" אין ארץ ישראל. עס האבן אים, אין דער ארבעט געהאלפן עטלעכע פארמאסיסטן. צווישן זיי איינער, וואס האט אויסגעפונען דורך די לאבאראטאריעס, וועגן די כשרות פאר פסח. א חוץ דעם, האט ער זיך אויך געווענדן צו די מעדיצינען פראדוצירער. אויסצוגעפינען גענוי, אלע פאזן פון דער פראדוקציע, און וואס זייער אינהאלט איז. כדי צו וויסן גענוי, וואס איז כשר און וואס נישט. אויף דעם אופן, איז אים געלונגען צונויפצושטעלן א ליסטע-מעדיצינען, כשר לפסח. אין דער ארבעט, האבן אים געהאלפן א גאנצער סטעף מענטשן. רבנים-עקספערטן אויף דעם געביט. וואס האבן גענוי געפארשט דעם ענין. די ארבעט האט זיך געצויגן יארן, ביז מ'האט אלץ פעסטגעשטעלט און פארענפטלעכט. נאך אלעמען האבן זיי געזען אז דאס איז אן ענדלאזע ארבעט, ווייל יעדן מאל דערשיינט פרישע פראבלעמען און אומקלארקייטן.

דער רבי, איז דעמאלט, געגאנגען מבקר חולה זיין. איינעם פון די גרויסע רבנים אין דור. א גאון, צדיק, קדוש וטהור. וואס איז געווען ערענסט קראנק. דער חולה האט געפרעגט, וועגן די מעדיצינען אין פסח. ער האט אים מתיר געווען אלע מעדיצינען. ס'איז נישט לייכט אנגעקומען, איבערצוצייגן דעם חולה אזוי צו טאן, און נישט מיקל זיין אין פיקוח נפש... דער פאל, האט אים איבערצייגט. מ'דארף טאן אלץ אין דער וועלט, אויספארשן, פעסטצושטעלן, וועגן די מעדיצינען פאר פסח, צו העלפן די הונדערטער טויזנטער קראנקע. ס'איז דאך פשוט א ענין פון פקוח נפש. נאך מער. א סך קראנקע, זענען מחמיר אויף זיך. כאטש זיי שפילן מיטן לעבן... דורך דעם. ער האט זיך געווענדן צו א גרויסן רב, א מומחה אויף דעם געביט, און געהאט גרויסע פארבינדונגען מיט די מעדיצין-פאבריקאנטן. זיי האבן צוזאמען געארבעט אויף א כשר-מעדיצין ליסט, פאר פסח און א גאנץ יאר: חמץ, בשר בחלב, יין נסך, פליישיק און דג"ל. זיי האבן קודם פארשריבן לויט א קארטיטעק. יעדער סארט מעדיצין, מיט אלע איינצלהייטן און פראבלעמען. מ'זאל נאכער קענען אויפשטעלן א גענויע ליסט. קלאר און דייטלעך.

## אינהאלטן ענדערן זיך, קיין גענויקייט...

נאך אזויפיל מי, האבן זיי געהאפט. איצט וועלן מיר שוין קענען פארעפענטלעכן, א גענויע ליסט, פון א 1,500 סארט מעדיצינען, לכבוד דעם קומענדיקן יום-טוב פסח. העלפן די חולאים, וואס דארפן דאס האבן. ליידער, איז נישט געגאנגען ווי זיי האבן געהאפט. א גרויסער טייל פון די הויפט מעדיצין-קאמפאניס האבן געענטפערט: ס'איז בכלל, באין-אופן נישט שייך, פעסטצושטעלן קלארע זאכן, וועגן אן אינהאלט פון א מעדיצין. ווייל דאס ענדערט זיך זייער אָפט. זיי גיבן צו: אויב

ס'איז דא עמעצער וואס זאגט, אז ער קען יא פעסטשטעלן געננרי, וועגן די אלע סארט כשרות-פראבלעמען אין מעדיצינען. זאל מען וויסן, דאס איז בלויז פאנטאזיע, און נישט קיין רעאליטעט!... דעריבער, אנשטאט צו פארעפנטלעכן די גרויסע ליסטע, ווי געהאפט, האבן זיי געמוזט דרוקן א גאנצן בראשור, אונטערן נאמען: „**שלום לרחוק ולקרוב אמר ד' ורפאתיו**", אין וועלכן ס'זענען געווען א טייל פון די בריוו פון די מעדיצין-קאמפאניס, ווי פריער דערמאנט. ער האט דאס אויך פארעפנטלעכט אין „המאור"; „אלגעמיינער זשורנאל", און נאך (זע די צוגאבן שפעטער). דער מאטעריאל איז שפעטער אויך פארעפנטלעכט געווארן אין דעם ספר „אפיית המצות השלם חלק ב'"; ווי אויך אין „**מדריך הכשרות**" (31 טער באנד) און אין נאך ספרים און קונטרסים. וואו ס'איז געדרוקט געווארן אלע ענינים וועגן מעדיצינען אין אידיש-ענגליש. ס'איז אינטערעסאנט צו באטאנען. כאטש, די הויפטן פון „התאחדות הרבנים" ווייסן דעם גאנצן אמת, וועגן די כשרות פון מעדיצינען פאר פסח, ווי פריער דערמאנט. פונדעסטוועגן זעצן זיי פאר, יעדן יאר מפרסם צו זיין, אז די מעדיצינען זענען כשר פאר פסח...

* * *

# קאפיטל 25

## שטורם ארום פסח-מצות...

אין יאר תשל"ז, איז פארגעקומען א טומל און אויפברויז וועגן די כשרות פון מצות, אין סאטמארער מצה בעקערי, אין וויליאמסבורג. ס'פלעגן דארט באקן גרויסע גרופן פון תלמידי חכמים, אידן בני תורה, יראים און שלימים. מאכט זיך, אז אין מיטן באקן, האבן די רבנים משגיחים באמערקט, גאנצע און האלבע ווייץ אין די טייגען. זיי האבן אורעקגעווארפן, איין טייג

נאכן צווייטן. אזוי איז געגאנגען עטלעכע טייגן. ס׳איז געווארן א ,,ויצעקו״. האט מען זיך געווענדן צו ר׳ יודל ראזענבערג. וואס איז געווען יארן לאנג, דער פארוואלטער פון דער סאטמארער מצה-בעקערי. ר׳ יודל: וואס קומט דא פאר?!... היתכן? ער גיט זיי אן אנדערע מין מעהל, אין די מעהל איז געווען אין בעסטן ארדענונג!... פרעגן זיי אים: ילמדנו רבינו. וואס קומט דא פאר, באמת. ר׳ יודל?!... פארוואס די ערשטע טייגן זענען געווען פול מיט ווייץ, און דאס מעל איז ריין? ר׳ יודל: פארהוילט גארנישט פון אונז. ס׳רעדט זיך וועגן אן איסור כרת!... ר׳ יודל ענטפערט: מ׳האט דאס יאר געמאלן די ווייץ צו דין, און א גרויסער טייל פונעם מעל איז פארברענט געווארן. על כן האט מען אריינגעמישט אין די מעל אויך קלייען (שאל פון ווייץ). דעריבער האט מען געטראפן אויך ווייץ אין די מעל...

די מעשה האט זיך פארשפרייט איבער די גאנצע שטאט. א סך פון די גרופן וואס האבן דארט געבאקן. דערהערנדיק די מעשה. בעת זיי האבען געבאקען האבן פרובירט ארויסקלייבן די ווייץ פון די מצות. מיינענדיג אז דאס איז א צופאל. ס׳ האט אזוי פאסירט. זיי האבן זיך געווענדן צו רבנים מורה-הוראות, מיט דער שאלה: וואס טוט מען דא? פיר רבנים ווי פאלגנד: **1. שאפראנער רב זצ״ל; 2. פאפא רב זצ״ל; ולהבחל״ח 3. קאשויער רב שליט״א; 4. אונגווארער רב שליט״א 5. אדווארי רב שליט״א; 6. ר׳ אברהם לייטנער שליט״א; 7. ר׳ פישל הערשקאוויץ שליט״א (קלויזענבורגער דיין),** ווי אויך נאך אנדערע רבנים, אלע מיט איין מיין, האבן גע׳פסק׳נט: מ׳טאר נישט עסן די מצות!...

דער ענין האט ארויסגערופן, אן אלגעמיינעם שטורם איבער דער שטאט. דער עולם איז געווארן פונעם פסק,

געציילטע טעג פאר יום-טוב. ווער ס'האט געהאט מצות פון דער בעקערי, האט אנגעהויבן זוכן מצות פון אנדערע בעקערייען. אבער נישט יעדן איז געלונגען צו קריגן אנדערע מצות. דער סאטמארער עולם האט געקאכט ווי א קעסל. ס'איז געווען דאס געשפרעך פון טאג. ווי נאר אידן זענען זיך צונויפגעקומען, איז דער ענין אויפגעשוואומען אויף דער אויבערפלאך.

די פארוואלטונג פון דער סאטמארער קהילה, האט זיך געפילט אין א גוואלדיקן קלעם. זייער אן אומאנגענעמע סיטואציע. אבער, אידן חכמים, גיבן זיך אן עצה!... אפשר טרעפט איר וואס? איר האט געטראפן... **די מצות זענען כשר וישר און „יאכלו ענוים וישבעו" און פטור אן עסק. אבער, אזוי ווי סאטמער האט דאך אייגענע דיינים וואס באקומען א פעט געהאלט אנגעשטאפט מיט כבוד. מען האט זיי געצוואונגען ארויסצוגעבען א היתר פון „יאכלו ענוים וישבעו" . די גאנצע וועלט עסט נאך, דערווייל, נישט קיין שטרוי... די אנדערע גרויסע רבנים האבן נישט געוואלט צושטיין צו דעם פסק. זיי האבן זיך געהאלטן ביי זייערס: די מצות טאר מען נישט עסן! ס'איז דא אויף זיי א חשש פון חמץ אין פסח. ווער וועט נעמען אויף זיך אזא אחריות?!...**

* * *

## פרומער-טערָאר אין גאנג...

די סאטמארער קהילה האט נישט געקענט ארַאפשלינגען, מ'זאל זאגן אויף זייערע מצות: זיי זענען חמץ. מ'טאר עס נישט נוצן פאר פסח!... אנשטאט, מודה זיין. רבותי, ס'איז געשען א מכשול. מ'וועט זען ס'זאל מער נישט געשען אזא זאך בע"ה.

האט מען דאס נישט געטאן. ווי ק׳מען מודה זיין? א ניט, וועט מען דאך דארפן מודה זיין אויף אן א שיעור זאכן. אפשר אויפן גאנצן סיסטעם?!... דאס קען מען דאך נישט צו לאזן... איז וואס איז די אלטעראנטיווע?... מ׳האט געלאזט אין גאנג די ,,אייגענע-טעראריסטן", געשולטע חברה, מיט א סך דערפארונג, פון אלע יארן... מיט דער אויפגאבע: יעדן רב וואס האט מגלה דעת געווען, פארקערט ווי קהל האט באשטימט. איז זיין אורטייל קלאר. דיטאלן זענען איבעריק. די חברה ווייסן געניי וואס צו טאן. מ׳שיקט: פייער-לעשער, פאליציי, אמבולאנסן. באשטעלונגען פון גרויסע געשעפטן, וואס מ׳האט זיי קיינמאל נישט געפאדערט. און נאך פארשידענע שמוציקע שטיקלעך ארבעט. וואס נאר אין יענער צייט האבן זיי דאס געקענט באווייזן. ביז ווי לאנג די רבנים האבן אויפגעהערט צו רעדן וועגן די מצות...

* * *

## ישראל קדושים הם

טראץ אלע טעראר מעשים. איז נאך אלץ, לא אלמן ישראל. אפילו אין סאטמאר אליין. ס׳געפינען זיך דארט אידן יראים ושלמים, וואס ווערן נישט נתפעל פון קהלה׳שן ,,עסטאבלישמענט" (,,רעדל-פירער"). זיי האבן פארעפנטלעכט א מודעה וועגן די ווייץ אין די מצה און וועגן נאך פראבלעמען, וואס זענען געשען צו יענער צייט. וואו מ׳פארמאכט אן אויג וועגן זיי. גראד דעמאלט. נאך דעם שטורם וועגן די ווייץ אין דער מצה. איז מען געוואויר געווארן, אז די מקוה, איז איין מאל, נישט געוועזן כשר צו נוצן. דאך, האט מען נישט צו וויסן געלאזט, דעם גאנצן עולם. נאר, פאר יחידים. די אידן האבן געשריגן ביטערלעך. וואס טוט זיך דא?!... ווי האלט מען שוין? אויף די זאכן ק׳מען שוין אויך פארקוקן?!...

## איינציקע בעקריי וואס נוצט ספיקות'דיקע ווייץ

ס'איז געווען א מאנגל אין ווייץ פאר מצה אויף פסח. סאטמארער קהילה, איז געווען די איינציקע, וואס האט פארמאגט גענוג ווייץ. אבער, ס'זענען געווען ספיקות וועגן זייער כשרות. א צייט שפעטער איז אנגעקומען ווייץ אן קיין שאלות. ס'איז דאך אבער געווען א שאד, ארויסצואווארפן די ספיקות-ווייץ. האט מען זיי דאך גענוצט, טראץ אלע שאלות...

* * *

## א פייער אין מצה בעקריי

א צייט פריער, איז געשען א שריפה אין די סאטמארער מצה-בעקערי. די פייער-לעשער האבן בעת דער שריפה, נאס געמאכט זייער א סך ווייץ און מעל. דאך, האבן גוט אינפארמירטע קוועלן איבערגעגעבן דאס מ'האט זיך באנוצט מיט א חלק פון זיי פאר פסח-מצה. זיי האבן אויך דערמאנט נאך פראבלעמען. אבער, מיר געדענקען זיי שוין ניט, איצט.

צענדליקער פראבלעמען און מכשולים, האט דער רבי אליין אויסגעפונען, בעת ער האט געבאקן מצות אין דער סאטמארער בעקערי מיט נאך רבנים. דאס האט אים געשטויסן, צו פארפאסן אן אל-ארומנעמנדיק ספר, וועגן די דינים און פראבלעמען פון מצות-באקן. כדי יעדער איינער זאל קענען, זיך אליין אריענטירן, וואס גייט אן. און באלד אפן-ארט אויסגעפינען יעדער פראבלעם. מ'זאל אים נישט קענען פארקויפן אין זאק אריין... ער האט טאקע ארויסגעגעבן דאס ספר וועגן באקן-מצות, 3 חלקים אין איין באנד. און ספר אכילת המצות 7 חלקים אין א צווייטן באנד. די דאזיקע 2 ספרים איז דער רבי, אליין געגאנגען פארקויפן אין די בתי מדרשים. זיי האבן זיך גוט פארקויפט. אויך

האט ער צו געשיקט דאס ספר, צו כמעט אלע רבנים. ווי אויך הונדערטער פעקלעך ספרים דורך רעגולארע פאסט, פאר די רבנים אין ארץ ישראל. כדי אויך זיי זאלן זיין באהאוונט, מיט יעדער פראבלעם אויף דעם געביט, און קענען מתקן זיין וואס ס׳פאדערט זיך. דער סעט ספרים וועגן כשרות-המצות איז געדרוקט געווארן דא-הי ס׳ערשטע מאל טויזנט עקזעמפלארן. נאכער, איז ער אויך איבערגעדרוקט געווארן אין ארץ ישראל טויזנט דריי הונדערט עקזעמפלארן. צו געשיקט געווארן צו אלע רבנים און ראשי ישיבות. שפעטער, איז דאס נאכאמאל איבערגעדרוקט געווארן, אין אמעריקע 2 טויזנט עקזעמפלארן. אבער, נאר, דער ערשטער חלק. אין ארץ ישראל, איז דאס נאכאמאל איבערגעדרוקט געווארן,ביידע חלקים 3 טויזנט סעטס, אין דעם קובץ ספרים לעניני כשרות א סעט פון 6 בענדער.

* * *

# קאפיטל 26

## קול יעקב העפט

אין תשל״ח, נאכדעם וואס דער רבי האט שוין געהאט ארויסגעגעבן די ספרים, וועגן מצות, מנחת יהודה, מנוחת שלו׳, און נאך. ער איז געווען זייער געדריקט אין געלט. שולדיק אוצרות, פאר יחידים. יעדער ספר האט געקאסט ,,דמים״, ,,תרתי משמע״. ביז מ׳האט דאס געזען פארשפרייט. ער האט שוין מער קיין כוח (,,דמים, תרתי משמע״) נישט געהאט, צו בארגן געלט און דרוקן ספרים. דאך האט ער נישט געהאט קיין רו, ס׳האט אים וויי געטאן כמה וכמה ענינים, ווי: טעלעוויזיע, שעטנז, כשרע מעדיצינען, יחוד פון פרויען ביי דאקטוירים. דעריבער האט ער באשלאסן צו בארגן, טראץ אלעם, נאך 700 דאלאר און

ארויסגעבען דעם קונטרס ,,קול יעקב״. אים צו שיקן אין אלע שולן איבער גאנץ אמעריקע. ביי לייגן א בקשה צו די רבנים, זיי זאלן מעורר זיין זייערע מתפללים וועגן די פריער דערמאנטע ענינים. בעז״ה האט ער פארענדיקט דעם פריער דערמאנטן קונטרס און אים צושיקט צו 2 טויזנט 500 שולן איבערן גאנצן לאנד. ביילייגנדיק אן אדרעסירטן קאנווערט, בעטנדיק, ביישטייערן פאר די הוצאות. איינקונפט פון דעם, האט אפילו נישט געדעקט די פאסט-הוצאות.

## ביקש יעקב לישב בשלוה!...

דער רבי האט געטראכט: איך האב ס׳מיינעקע געטאן! איצט וויל איך זיך אפגעבן נאר מיט לערנען, פאר מיר אליין. אבער, זעט אויס, אז אויבן... האט מען אנדערש געטראכט!!...

אין א געוויסן טאג באקומט ער א טעלעפאן פון א אידן מיט נאמען ר׳ משה יפה. דער רבי פרעגט אים: ר׳ משה׳ן וואס קען איך אייך בייהילפיק זיין? ענטפערט ער: איך האב א גרויס פראבלעם! יא! וואס איז אייער פראבלעם? פרעגט אים דער רבי. דערציילט ער: ס׳האט מיר א איד געוויזן אין בית המדרש א קונטרס מיטן נאמען, קול יעקב. וועגן פארשידענע אידישקייט ענינים. ווייבאלד אז איך האב שוין אויך געשריבן. אין דער ענגלישער שפראך. מיט פערציק יאר צוריק., וועגן ענטפערן אמן און קדושת בית הכנסת. גאר וויכטיקע זאכן, וואלט איך דאס געוואלט פארשפרייטן איבער דער וועלט. אבער, דאס ק׳מען נישט דרוקן אזוי ווי ס׳שטייט און גייט. מ׳מוז דאס פריער איבערארבעטן; קארעגירן; רעדאגירן און דג״ל. כ׳אב שוין גערעדט מיט פארשידענע שרייבער, וועגן דעם. זיי פארלאנגען פאנטאסטישע סומעס פאר דעם. זיי טומלען אקאפ מיט פארשידענע אויסריידן. וויל ער וויסן צו ער (דער רבי) קאן אים

העלפן וועגן דעם? (די סארט שרייבערס זענען באקאנט, מיט נעמען גרויסע געלטער, גארנישט טאן. נאר פארדרייען א קאפ...). איך וועל פאר אייך אלס טאן ענטפערט אים דער רבי טאקע אלעס בחנם. פאר מיין ארבעט וויל איך נישט קיין געלט. מיין גאנץ לעבן גיב איך אוועק פארן כלל... אבער, נאך אלעם. לאמיר זאגן, איך בין שוין פארטיק מיט מיין ארבעט. מ׳דארף, דרוקן, בינדן, פארשפרייטן. דאס קאסט אלץ פארמעגנס געלט. ווער וועט דאס באצאלן?... ענטפערט ר׳ משה: איך האב א נדבן, וואס ער אליין איז אויך פאראינטערעסירט דאס זאל פארשפרייט ווערן איבער דער וועלט. ממילא, איז געלט קיין מניעה נישט!... מיט דעם האבן זיי געענדיקט זייער געשפרעך.

## א ווארעמער איד...

ר׳ משה איז אריבערגעקומען מיט זיינע שריפטן צום רבין. ער לייענט פאר פון זיינע שריפטן. ס׳איז געווען צו זען, פון דעם איד׳ס ווערטער. אז אין דעם איד טליעט א הייליק פייער, וועגן קדושת בית הכנסת. ער האט שוין א סך מאל גערעדט מיט רבנים, זיי זאלן זען, מ׳זאל נישט רעדן בשעת דעם לייענען און חזרת הש״ץ. מיט הייסע טרערן האט ער זיך געבעטן: האט רחמנות אויף זיך אליין! רעדט נישט!... אבער, רעד צו די וואנט. קענסט רעדן צו איר?!... אזוי דא אויך!... וויפיל מאל ק׳מען שוין רעדן. על כן, האט ער באשלאסן אראפ צו שרייבן זיינע געדאנקען. פאפיר רייסט זיך נישט דאס הארץ!... ס׳האט א סך געדולד!... איבערצו׳חזר׳ן נאך אמאל און נאך אמאל. ער האט נישט אויפגעהערט צו וויינען וועגן דעם גלייכגילטיקייט: די רבנים לאזן רעדן. די גבאים טוען גארנישט. יא אמן, נישט אמן. ווועמען גייט דאס אן?!... ס׳וואלט געפאסט אז ס׳רעדט זיך דא וועגן א קינדער-שפיל. ווען איך זע, ווי מ׳רעדט אין שול אין מיטן

דאווענען און דג"ל, שטעכט דאס מיר ווי מיט שפילקעס... זיין רעדן האט ארויסגערופן ביים רבי'ן, גרויס מיטלייד און דרך ארץ צו אים.

אזוי רעדנדיק איז ארויסגעקומען אז ר' משה איז אן אייניקל פון ,,לבוש". ס'האט זיך אנגעזען אז: ,,דין נפש מדבית אבא". ר' משה'ס ווארימקייט איז נישט פון דער לופט!... ער איז א פונק פון גרויסן זיידן, וואס איז געווען א פלאם פייער וועגן קדושת בית הכנסת. ווי באוואוסט די מעשה פון ,,לבוש". געדרוקט אין ספר עניית אמן כהלכתו.

## בלתי לד' בלבדו...

דער רבי, האט זיך זייער געפרייט מיט דעם אידן. ב"ה, עס עקזיסטירן נאך, אידן וואס ווילן טאן דעם רצון השם אן קיין פניות, פון: כבוד, מאכט, פאליטיק און דג"ל. זענען זיך מוסר נפש טאג-טעגלעך פארן כבוד-שמים. ווי ר' מרדכי'לע נאדווערנער פלעגט זאגן און איבער חזר'ן א סך מאל, אין אידיש (ס'זאל אריין אין אלע רמ"ח איברים ושס"ה גידים אז: נאר דו אליין!...), אין מיטן דאווענען: ,,כי הוא לבדו מרום וקדוש" ,,נאר דו אליין"! דער רבי רופט זיך אן צו ר' משה'ן: איך האב שוין געזאגט און זאג נאכאמאל איך וועל טאן פאר אייך אלץ, וואס נאר מעגלעך!... איך וועל אויף גארנישט קוקן... ס'איז אבער דא א גרויס פראבלעם: איך פארשטיי נישט קיין ענגליש, טא וויאזוי קען איך דאס איבערארבעטן, קארעגירן, רעדאגירן אייערע ענגלישע כתבים. זיי צוצוגרייטן צום דרוק?!... זיין קול בלייבט אזוי שטיין טראכטנדיק... און גיט זיך א כאפ: הערט מיך צו ר' משה. איך האב פאר אייך א גוטן איינפאל. ער צייגט אים דאס ספר ,,ואמרו אמן" און זאגט: מיר וועלן פארקירצן די ענינים פון ספר. ס'זאל זיין א ,,מועט המחזיק

את המרובה"... פארשטענדלעך פאר יעדן אידן. לערנען פון דעם, אלע ענינים בקיצור. מיר וועלן דאס דרוקן אין 30 טויזנט עקזעמפלארן און צו שיקן אין אלע שולן, איבער אמעריקע. דורך דעם וועט דערגרייכט ווערן, אונזער ציל: מ'זאל מער נישט רעדן אין שול וואו מ'טאר נישט. ענטפערט ר' משה גוט, גוט! לשון הקודש איז אויך גוט. אבער, ס'איז דאך פאראן, א גרויסער טייל אידן, וואס זיי קענען נישט, אפילו אייןווארט, לשון הקודש?!... טא-וואס ווען מיר איפטאן מיט שיקן צו זיי דעם ספר אין לשון הקודש?... ענטפערט אים דער רבי: קודם לאמיר דאס נאר האבן אין לשון הקודש. נאכער, וועט שוין לייכטער זיין עס איבערצוזעצן אין ענגליש. דער געדאנגק איז געפאלן ר' משה'ן. אבער וואו זעט מען פירות?!... פרעגט ער. צוגעבנדיק, די הויט ברענט אויף אים, דאס ארויסצוגעבן. אונטער צוויי חדשים איז געווען גרייט דער קונטרס „עניית אמן כהלכתו", 32 זייטן. ס'ערשטע מאל האט מען נאר געדרוקט 6 טויזנט 200 עקזעמפלארן און צו געשיקט דורך פאסט. ס'האט טאקע א סך געהאלפן...

## איבערגעזעצט אויף ענגליש

ווי נאר מ'האט געענדיקט דרוקן דעם קונטרס אין לשון הקודש. איז ער אויך איבערגעזעצט געווארן אין דער ענגלישער שפראך. ר' משה איז געווען זייער צופרידן פון דער ארבעט. ער איז געווען דרינגענדיק ארויסצוגעבן דעם קונטרס. מיט געוויין האט ער געפרעגט: פארוואס זאל מען נישט שרייבן צו רבנים, מלמדים און דערציער און דג"ל, די דאזיקע אויפקלערונגס רייד. זיי זאלן מחנך זיין דעם יונגן דור וועגן די הייליקייט פון ענטפערן אמן אין בית הכנסת - בית המדרש?... יא, איר זענט גערעכט! ענטפערט אים דער רבי. אבער, וועגן דעם טאקע, דארף מען

שרייבן נאך אבאזונדערן קונטרס מיט א ווענדונג צו די רבנים זיי זאלן מעורר זייערע מתפללים וועגן דעם ענין.

דער ערשטער רב, וועלכער האט אויף דער איניציאטיוו פון רבי'ן, געהאלטן א דרשה אין זיין בית המדרש, וועגן „קדושת בית המדרש". איז געווען, דער דעברעצינער רב. דאס איז אפגעדרוקט געווארן אין ספר „מדריך לעניית אמן". דער קונטרס האט פארנומען 32 זייטן. געדרוקט 7 טויזנט עקזעמפלארן. דער „מדריך לעניית אמן" איז איבערגעזעצט געווארן אויך אין ענגליש. געדרוקט 10 טויזנט עקזעמפלארן. א צייט שפעטער האט מען פון „עניית אמן כהלכתו" און „מדריך לעניית אמן" ארויסגעגעבן אין דער ענגלישער שפראך א ספר אונטער דעם נאמען „אמן רעספאנס". צוגעבנדיק א קונטרס וועגן פסול'ע מזוזות און תפילין אויך אין ענגליש. דער ספר האט פארנומען 128 זייטן. געדרוקט 5 טויזנט עקזעמפלארן, און אים צו געשיקט, אין אלע בתי מדרשים, און ישיבות, איבער גאנץ אמעריקע, צו משפיעים, מחנכים און מלמדים. דער ספר האט געהאט אן אינטערעסאנטן קאלירטן „קאווער". פיר קאלירן. ס'האט פארכאפט דאס אויג.

צו יענער צייט, האט דער רבי אויך געדרוקט דעם ספר „עניית אמן כהלכתו". צוזאמען מיטן „מדריך לעניית אמן" ווי אויך „תפארת מתתיהו" אין אידיש און ענגליש. וועגן די פסולע מזוזות און תפילין. 128 זייטן. איין באנד. 3 טויזנט עקזעמפלארן און זיי צו געשיקט צו שולן אין אמעריקע.

ר' משה. האט זיך נאך אליין נישט באגנוגנד און געשטויסן דעם רבי'ן. ער זאל ארויסגעבן נאך מאטעריאל וועגן ענטפערן אמן. בעיקר פאר קליינע קינדער. זיי צו דערציען וועגן דער וויכטיקייט פון ענטפערן אמן און קדושת בית המדרש. במשך

צוויי יאר, האט ער צוגעגרייט נאך א ספר, וועגן דעם ענין. אונטערן נאמען „יצחק לשוח״, אין אידיש, 224 זייטן. זייער א שיינער באנד., געדרוקט 3 טויזנט עקזעמפלארן און צעשיקט איבער גאר דער וועלט. אונטער דער צייט האט ער אויך געדרוקט דעם ספר „תפארת מתתיהו״ וועגן די מצווה מזוזה. אין אידיש און ענגליש. 48 זייטן. 5 טויזנט עקזעמפלארן.

* * *

# קאפיטל 27

## הזקן בישראל כהלכתו צורת יהודי

אין יאר תשל״ט, ווען דער רבי, איז געווען אין דער דרוקעריי. וועגן די ספרים פון עניני פסח. האט ער באמערקט דארט דאס ספר „הדרת פנים זקן״. וועגן נישט שערן די בארד. רופט ער זיך אן צום דרוקער: דאס ספר איז זייער אינטערעסאנט. אבער, ס׳דארף נעמען צוויי הונדערט שעה דורכצוגיין דאס ספר. דאקעגן, האב איך א קונטרס׳ל אין אידיש. טאקע וועגן דעם דאזיקן ענין. וואס פארנעמט אין גאנצן 20 זייטן און אין א שעה-צוויי, קען דער לייענער זיין באאוונט וועגן גאנצן ענין. וויסנדיק, דעם הארבן איסור פון שערן די בארד. ענטפערט אים דער דרוקער: דער מחבר וועט זיכער באצאלן אלע הוצאות וואס דארף קאסטן דאס צו דרוקן. דער עיקר: ס׳זאל געדרוקט ווערן! אדרבה! ענטפערט צוריק דער רבי רעדט מיטן מחבר. ער זאל זיך פארשטענדיקן מיט מיר! נאך געציילטע שעה׳ן קלונגט דער טעלעפאן. ווער איז? הרב ווינער, דער מחבר. איר האט עפעס א קונטרס׳ל וועגן שערן די בארד? יא! ענטפערט דער רבי. מ׳האט באשטימט א צייט זיך צו טרעפן. בשעת מעשה איז דער מחבר איבערגאנגען אויף דעם קונטרס. צוגעגעבן געוויסע קליינעקייטן. מ׳האט דעם קונטרס געגעבן צום דרוקן. ס׳איז

נאכער איבער געזעצט געווארן אין דער ענגלישער שפראך און צו געשיקט געווארן. פילע טויזנטער עקזעמפלארן. צו רבנים און שולן איבער גאנץ אמעריקע.

## איבעראשנדיקע ווירקונג...

דער רבי, האט צו יענער צייט, געפרעגט א איד אין זיין בית המדרש, פארוואס טראגט איר נישט קיין בארד?!... דער תמימות׳דיקער איד ענטפערט: איך פלעג דאוועגען א סך יארן ביי די ,,מלאכים״ אין וויליאמסבורג. ווי אויך ביי אנדערע גרויסע רבנים און זיי האבן מיר קיינמאל נישט אויפמערקזאמגעמאכט וועגן דעם. פארשטענדלעך, איך פלעג זיך ראזירן מיט סם. בקיצור, דער רבי שליט״א נעמט דעם קונטרס ,,זקן ישראל כהלכתו״ און לערנט מיט אים א צען מינוט און דער איד האט איינגעזען אז ער דארף זיך לאזן וואקסן א בארד. ער האט מער ניט געשארן די בארד. נאכער געהאט שטארקע טענות צו די פריער דערמאנטע: אויב ס׳איז טאקע אזא עבירה, טא פארוואס האבן זיי מיר דאס קיינמאל נישט געזאגט?!...

דעם איד׳ס פרוי. איז פונקט דעמאלט געווען אין ארץ ישראל. פאר א פאר חדשים צוהעלפן די אייניקלעך. צוריקקומענדיק. זעענדיק ווי איר מאן, האט א היפשע גרויסע בארד. האט זי אים, כמעט נישט דערקענט. זיך דערשראקן און אויסגערופן: וואס איז געשען מיט דיר?!... פלוצלינג אויף דער עלטער, האסטו זיך געלאזט וואקסן א בארד?!... וויסן זאלסטו ענטפערט איר דער מאן איך בין נאר וואס איצט, געוואויר געווארן ווי הארב ס׳איז נישט צו טראגן א בארד. איצט האב איך א אמת׳ע אידישע צורה!...

* * *

# קאפיטל 28

## צניעות אקציע „יחוד" ביי דאקטוירים וועד קדושת בנות ישראל

אין יאר תשל"ט. רופט אמאל אפ הרב טאלער צום רבין. זאגט אים: איך וויל זיך מיט אייך טרעפן, וועגן זייער וויכטיקע ענינים. וואס זענען בגדר פון הצלת נפשות. זיי האבן זיך שנעל ווי מעגלעך געטראפן. דער רב האט אים דערציילט פאסירונגען. וואס אויסהערינדיק זיי, שטעלן זיך די האר פון קאפ קאפויער. וועגן פרויען וואס גייען צו דאקטוירים אליין. זענען עובר אויפן איסור יחוד. ווי די דאקטוירים זענען מאראלישט זייער פארדארבן. צעשטערן דאס צניעות און הייליקייט, פון אידישע טעכעטער. א סך פרויען מחמת זייער נאאיוויטעט, קענען זיי, זיך ניט אן עצה געבן מיט דעם פראבלעם. זיי ווילן וויסן א דעת תורה, ווי אזוי אויסצומיידן די אלע פראבלעמען. ער האט אויך איבערגעגעבן צענדליקער פאקטן ווי אידישע פרויען זענען דורך דעם אראפ פון אידישן וועג, רח"ל.

דער רבי האט זיך באלד געשטעלט אין קאנטאקט מיטן קאשויער רב שליט"א. ער איז דער איינציקער רב, וואס רעאגירט אויף יעדן פירצה און שטרויכלונג, וואס קומט פאר צווישן אחינו בני ישראל. ס'איז נאך נישט געשען, מ'זאל זיך צו אים ווענדן וועגן א אידישקייט ענין. ער זאל נישט עפעס טאן וועגן דעם. ער איז באלד מברר די יסודות פון הלכה וועגן דעם ענין, און גיט א פראקטישע עצה ווי אזוי צו פארמיידן דעם פראבלעם. ס'נעמט אמאל 48 שעה, זינט מ'לאזט אים צו וויסן. אבער, רוב מאל, אפילו נישט קיין 24 שעה. זיין אינטערוועניץ ברענגט שטענדיק גוטע רזולטאטן.

## די ריכטיקע אדרעס!...

קאשויער רב האט געזאגט צום רבין: איך האב שוין געשריבן א גאנצע תשובה וועגן איסור יחוד. ווי אויך וועגן אלץ, וואס איז פארבונדן מיט די אפיסעס אמטן, פאר פרויען און מיידלעך. ער האט אים דערציילט, וואס פארא מכשולים ס'קומט אלץ פאר אין די אפיסעס. ספעציעל, פאר די פרויען און מיידלעך וואס האבן צו טאן מיט די „סעילסלייט". ער האט אויך געשריבן וועגן מכשולים פון פרויען ביי דאקטוירים. ער איז מברר ווי אזוי זיי זאלן זיך אויפפירן אין דעם ענין. ער האט אויך געהאלטן דרשות וועגן דעם ענין, נישט נאר בכתב. מעורר געווען, אז קיין פרוי זאל נישט גיין צו א דאקטער אליין. ער האט פארעפנטלעכט קול קורא'ס וועגן דעם. אויך אין זיין ספר **„פתח האהל השלם"** וואס איז פובליצירט געווארן דורך דער קאשויער ישיבה אין בעדפארד הילס, ניו-יארק.

דער רבי האט זיך אויך צונויפגערעדט מיט די רבנים פון דעברעצין און אונגוואר (הרב קליין) שליט"א. זיי איבערגעגעבן וואס ער האט געהערט, און וואס ער מיינט מ'דארף טאן וועגן דעם. אויך זיי האבן איבערגעגעבן פאקטן וואס מ'קען זיי אפילו נישט ברענגען אויפן פאפיר.

דער רבי האט געשיקט, פארשידענע דאקומענטן און צייטונג-אויסשניטן, צום קאשויער רב. ווי אויך צו אנדערע רבנים. זיי זאלן אליין זען ווי אוממאראליש די דאקטוירים באציען זיך צו זייערע פאציענטן. ער האט דעם מאטעריאל אויך איבערגעזעצט אויף אידיש און אפגעדרוקט אין די אידישע צייטשריפטן. מיט דער הילף פון הרב טאלער האט ער צונויפגעשטעלט א ליסטע פון טויזנטער פרויען-דאקטוירים. ספעציאליסטן אויף אלע מעדיצינישע געביטן, אין ניו-יארק, און

פארעפנטלעכט אין די פרעסע. ס'איז אויך צונויפגעשטעלט געווארן א ליסטע, פון אלע שפיטעלער, וואו פרויען-דאקטוירים באהאנדלען די פאציענטן. מ'האט פארעפנטלעכט אין דער פרעסע: וועלכע פרוי וואס איז פאראינטערעסירט זיך צו באהאנדלען נאר ביי א פרויען-דאקטאר. זאל זיך ווענדן טעלעפאניש צו הרב טאלער, וואו ער אליין ענטפערט יעדער רוף, און אנווייזן צום פאסיקן דאקטער אין וועלכן זי נויטיקט זיך. דאס איז אויך אפגעדרוקט געווארן אין ספר ,,אהלי ישראל און ספר "הלכות יחוד השלם".

*

אלס רעזאלט פון די אלע פובליקאציעס, זענען צונויפגעשטעלט געווארן די פאלגנדיקע ספרים:

1. ,,צניעות ישראל כהלכתה" (לבית דוד), 32 זייטן 3 טויזנט עקזעמפלארן.

2. ,,אור הצניעות בישראל", 16 זייטן 3 טויזנט עקזעמפלארן.

3. ,,קדושת ישראל על הלכות יחוד ועוד", 128 זייטן 3 טויזנט עקזעמפלארן.

4. ,,מדריך לצניעות בישראל" (כל עניני צניעות), 128 זייטן טויזנט 500 עקזעמפלארן.

5. ,,מדריך לצניעות", 16 זייטן, געדרוקט צוזאמען מיטן ספר מנחת יהודה 3 טויזנט עקזעמפלארן.

* * *

# קאפיטל 29

## דין-תורה׳ס ביי אידן...

אין יאר תש״מ, האט דער רבי באזוכט א חשוב׳ן אידן אין בארא פארק, וועגן זייער א וויכטיקן ענין. ווי זאגט דער בעל שם טוב הקדוש: ,,וואס מ׳טוט טוט מען זיך״. דערציילט אים דער גאסט געבער: כ׳האב געפלאנט צו קומען צו אייך, זיך דורכשמוסן וועגן א קאמפליצירטן ענין. בקיצור: כ׳האב געהאט א דין-תורה מיט אימיצן. אין גאנג פון די זיצונגען, האב איך געזען אז די רבנים פירן זיך נישט כדין תורה. זיי האבן זיך געוואנדן צו מיר: ביסט דאך א רייכער מענטש! וואס שפילט א ראלע ביי דיר געלט?!... זיי מוותר פארן צווייטן צד (כלומרשט א ארעמאן), א מיליאן דאלאר. לויט זייער רעדן, האט מען טאקע געקענט מיינען, אז מיין בעל דין איז אן ארעמאן. באמת איז ער גאר א גרויסער גביר. נאר וואס דען? ער האט צו געזאגט, פאר די רבנים, א גרויסע סומע געלט, אויב ער וועט געווינען די דין-תורה. האבן זיי שוין געטאן אלץ וואס נאר מעגלעך פארן צוזאגער. ווי זאגט דאס אידישע ווערטל: ,,אז מען שמירט, פארט מען״!... (,,געלט רעדט״)...דעריבער, פרעגט ער אן עצה: וואס קען איך טאן? נישט נאר כ׳האב פארלוירן די דין תורה, נאר, זיי גייען נאך איצט אין גויאישן געריכט כדי מיך אין גאנצן בארבעווען, רח״ל. איך פארשטיי דאס נישט. אידן זאלן קענען אזוינס טאן, און ספעציעל רבנים? דער רבי האט אים געגעבן א גוטע עצה, וואס האט געהאלפן געווינען דעם משפט.

## פאלשע דין-תורות...

צוליב די פריער דערמאנטע דין-תורה. ווי אויך נאך ענלעכע, פאלשע דין תורות, ווי ס׳איז געשען מיט הרב ר׳ שלמה שווייצער.

רב אין קהל דרכי נועם, מאנסי. האט דער רבי באשלאסן צו פארעפנטלעכן א ספר אונטער דעם נאמען „דיני תורה בישראל״. בקיצור: הרב שווייצער האט געהאט א דין תורה ביי 3 באוואוסטע רבנים, וואס האבן אים געוואלט צו דריקן צו דער וואנט. האט ער געפרעגט אן עצה, וואס צו טאן?! דער רבי האט אים געזאגט: זאלסט וויסן, אז די אלע באוואוסטע רבנים, זענען שוחד נעמערס, גנבים, און נישט חלילה באהאלטענער הייט, נאר בריש גלי.... רח״ל. ער האט אים געגעבן אן עצה, אונטערשטרייכנדיק, כאטש איר אליין קענט גוט חושן-משפט, אבער פאר די חברה, וועט דאס אליין, אייך קיין סך נישט העלפן. דעריבער, זייט געווארנט. כאפט אויף אלע זיצונגען אויף טעיפס. אין פאל אז די רבנים וועלן פסק׳נען שלא כדין, וועט איר זיי קענען אויפווייזן, אז אלץ וואס זיי זאגן איז שקר. מחמת זיי האבן גענומען שוחד טוען זיי שלא כדין...

ער האט טאקע אזוי געטאן. אלץ אראפגענומען אויף טעיפס. ווען ס׳איז געקומען צום פסק דין, שרייבן דאך די רבנים די טענות פון ביידע צדדים. גיט ער א קוק ווי זיי שרייבן אים צו, אזעלכע טענות, וואס ער האט גאר קיינמאל נישט גע׳טענה׳ט. שפרינגט ער אויף: רבותי איך האב קיינמאל אזוי נישט גע׳טענה׳ט! די רבנים זאגן נישט דעם אמת! דו געדענקסט נישט! דו האסט יא אזוי גע׳טענה׳ט ענטפערן די רבנים. הרב שווייצער ווענדט זיך צו זיין דיין, צווישן די דריי: מיר זענען דאך צוזאמען געזעסן ביי אייך אין שטוב און דורכגעטאן די אלע טענות און דינים. איר אליין, מיט אייער האנט-שריפט האט דאס אלץ אראפגעשריבן אויף א פאפיר. טא וויאזוי קענט איר איצט טענה׳ן, אז מיינע טענות זענען פונקט פארקערט, ווי מיר האבן דעמאלט אפגערעדט און אראפגעשריבן?!... ס׳איז ליגנט, ס׳איז ליגנט?... ענטפערט זיין דיין דאס איז דער פסק און מ׳קען שוין

מער גארנישט ענדערן!... און גיט צו: אלע רבנים זאגן, אז אזוי האסטו גע'טענה'ט!... אויב אזוי ענטפערט הרב שווייצער האבן די רבנים, נישט ריכטיק פארשטאנען מיינע טענות, און איך טענה איצט אנדערש!... מ'קען שוין מער נישט פארדרייען א קאפ ענטפערט אים זיין דיין ס'איז שוין געווען גענוג!...

הרב שווייצער ווענדט זיך צו אלע דריי דיינים: איר זאגט, אז איך זאג ליגן און איר זאגט דעם אמת! וואלט איר געווען גרייט צו שווערן אויף אייערע רייד?!... פארדריי נישט קיין קאפ ענטפערן זיי אים מיט גרינגשעצונג דאס איז דער פסק, און קיין זאך וועט מער נישט געענדערט ווערן!... הרב שווייצער, מיט א געפיל, ווי מ'וויל פארגוואלדיקן דעם אמת, רופט זיך אן צו די רע-בנים: וואס וועט איר זאגן, אויב איך וועל אייך אויפווייזן, אז אלץ וואס איר זאגט איז ליגנט, פון אנהויב ביזן סוף!... ער נעמט ארויס א טעיפ-רעקארדער פון טאש און לאזט אים אין גאנג און זאגט: איצט וועט איר הערן, אז אלץ וואס איר האט געשריבן איז ליגנט!...

## מ'כאפט אוועק דעם טיעפ...

ווי נאר הרב שווייצער האט געלאזט גיין דעם טעיפ, איז איינער פון די רבנים צוגעלאפן צו אים און אוועקגעכאפט דעם טעיפ. דער גזלנות'דיקער-פסק איז געבליבן פסק. אזוי ארום האבן זיי צוגעראבעוועט פון הרב שווייצער, א בעל משפחה פון 16 נפשות כ"י, 70 טויזנט דאלאר. ער האט נאכן פסק פארעפנטלעכט א חיבור אונטערן נאמען: „אבן מקיר תזעק" (א שטיין פון דער וואנט שרייט אויף), וואו ער אנטפלעקט די אלע פאלשקייטן וואס די רע-בנים האבן אים אפגעטאן. ער האט אויך פארעפנטלעכט אין די פרעסע וועגן די גנבישע דין-תורות אין אמעריקע. אויך פארפאסט א גאנץ ספר, וועגן דין-תורות בכלל.

דער רבי האט דעמאלט געגרינדעט א בית דין צדק, צו פירן דין-תורות בחנם, און גערופן אלע קהילות נאכצוטאן דעם ביישפיל!... עטלעכע קהילות האבן אזוי געטאן באלד, ווי פאלגנד: קלויזנבורג, אונגוואר, וויזניץ-מאנסי, באבוב און נאך.

ער האט דעמאלט ארויסגעגעבן דעם ספר „המשפט בישראל כהלכתו" אין אידיש, 64 זייטן. אויך האט ער ארויסגעגעבן א חיבור וועגן גניבה, און עס באלד איבערגעזעצט אויף ענגליש. 80 זייטן. אט-דער מאטעריאל האט א סך צוגעהאלפן ביי דין-תורות.

אויך ביי די „התאחדות הרבנים" איז פארגעקומען הימל-שרייענדיקע פאלשע דין-תורות. אויסהערנדיק זייער אינהאלט, האבן זיך די האר פון קאפ קאפויער געשטעלט.

צו יענער צייט האט דער רבי פארעפנטלעכט א סך קול קורא'ס וועגן די פאלשע דין-תורות. א טייל אונטער זיין נאמען, און א גאר גרויסער טייל אונטער פסעוודאנים (אויסגעבארגטע נעמען). האפנטלעך ס'וועט נאך קומען א צייט ווען מ'וועט קענען פארעפענטלעכן זיין פולן נאמען.

דער קאמף מיט די רע-בנים איז געווען זייער א שווערער. מ'קען זיך דאס גארנישט פארשטעלן וויפיל כח און מי ס'האט זיך געפאדערט צו דעם. זיי האבן זיך נישט געלאזט: וואס הייסט, מ'שטערט זיי די „עבודת הקודש"?!... (צו רויבן ארעמע אידן). מיר זענען דאך דאס אויבערשטע פון שטייסל!?... וויפיל צער און עגמת נפש דאס האט פארשאפט דעם רבי'ן, לאזט זיך גארנישט ארויסברענגען אויפן פאפיר. צוקוקנדיק, אידן, רבנים נאך פון דער אלטער-היים אין אייראפע, זאלן זיין אזוי געפאלן. פשוטע גנבים, טאשן-שניידערס, רח"ל. (זע צוגאבן). מיר האבן געהערט פון אים א סך פאקטן וועגן גנבישע דין-תורות, אבער נישט אלעס פארצייכנט.

# קאפיטל 30

## הארמאנים, עופות איינשפריצונג אקציע

אפארקערטע וועלט „ארץ ישראל אסערט מיט א הארבן איסור, חוץ-לארץ אסערט-חלילה נאכצוטראכטן וועגן היתר"...

בקיצור: אין א געוויסן טאג, אין יאר תשל"ט, רופט אפ הרב לייטנער, דורכן טעלעפאן דעם רבין און דערציילט: ירושלים'ער רב, הרב ווייס, האט ארויסגעגעבן אן איסור אויף די עופות וואס האבן באקומען הארמאנישע איינשפריצונגען.

די עופות איינשפריצונגען, זענען אן ערנסט פראבלעם פאר די כשרות פון די לעבעדיקע עופות. זיי באקומען די איינשפריצונגען אין טאג פון זייער שאל-אויספיקונג און נאכער ווען זיי זענען אלט 4-5 וואכן. ס'איז זייער מעגלעך דאס זאל ברענגען צו טריפה מאכן די עופות. אויך, גרויסע מכשולים פון מערן מאכלות אסורות, צווישן כלל ישראל.

דאס איינפירן צו נוצן אזעלכע עופות, צווישן חרדי'שע אידן איבער גאר דער וועלט, קען גורם זיין א צושטערונג אין די מויער פון כשרות ביי אידן. זיי מכשיל זיין מיט מאכלות אסורות, ר"ל. דער ירושלים'ער בית-דין האט געאסערט דעם איינשפריצונג אפאראט. דעם זעלבן אפאראט, באנוצט מען אויך דא, אין די פאראייניקטע שטאטן, איינצושפריצן די טאגעדיקע-עופהלעך ווי אויך שפעטער. לויטן געברויך. דער איסור פון בית-דין איז פארעפענטלעכט געווארן אין ירושלים, אין חודש תמוז תשל"ט.

*

## הרב לייטנער צווייפלט וועגן כשרות פון די עופות

ער האט דעמאלט געבעטן דעם רבין, ריכטיק אויספארשן, וואס טוט זיך אין די פאראייניקטע שטאטן אויף דעם געביט.

## דער גערואנגל פאר אידישקייט עקזיסטענץ און אונזער צייט

אויב ס׳איז טאקע ווי דער בית-דין פון דער העדה החרדית האט באשטימט, טאר מען דאך נישט עסן קיין עופות דא-הי? !... ער האט באלד מאבילידירט א גאנצן סטעף מענטשן, אויסצופארשן וואס קומט דא פאר? צום אלעם ערשטן, האָט ער זיך געוואנדן, צו אלע סטעיט-רעגירונגען איבערן לאנד, מ׳זאל אים צו שיקן אלע איינצלהייטן וועגן די איינשפריצונגען. געציילטע וואכן שפעטער, קומען אן ענטפערס, כמעט פון אלע 50 סטעיטס. די ענטפערס זענען אייניק. אלע ווי איינער מיטן זעלבן נוסח. ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער היגער איינשפריצונג פראצעס איז גענוי ווי אין ארץ ישראל. ממילא איז דער ירושלים׳ער איסור חל אויך אויף אמעריקע און די היגע עופות זענען אויך טריפה!...

דער רבי באשטימט א צייט זיך צו טרעפן מיט הרב לייטנערן, אים צו ווייזן אלע דאקומענטן וואס ער האט באקומען. דער רב הויבט אן צו לייענען (ער באזיצט גוט די ענגלישע שפראך) און שרייט אויס: אוי געוואלד!...

די סיטואציע פארצווייפלט!... ריכטיק, מ׳טאר טאקע נישט עסן די היגע עופות. מ׳דארף זען צוקריגן אומאיינגעשפריצטע עופות. צוגעבנדיק: איך מיין, ס׳וועט זיין זייער א שווערע זאך. כמעט אוממעגלעך דאס דורכצופירן. ק׳מען דען אסרן אלע עופות אין אמעריקע? !... ווידער דאקעגן. ק׳מען דען מתקן זיין אלע עופות? !... ספעציעל, האט ער גוט געוואוסט, ווי שווער ס׳וועט אים אנקומען, בלויז דאס איבערצייגן זיינע אייגענע רבנים מכשירים. ס׳איז בכלל נישט שייך צו רעדן צו קיינעם פון זיי!... ווייטער ווארטן, ביז מ׳וועט ארויס געבן א ספר, וועגן דעם ענין. ס׳וועט נעמען צופיל צייט. דעריבער זאל מען שוין מפרסם זיין דא-הי דעם פסק פון ירושלים׳ע בית-דין. ווי אויך די דאקומענטן פון די סטעיטס-רעגירונגען. ערשט דאן, ק׳מען אויפשטרומען דעם עולם וועגן דעם ענין. דער רבי האט זיך איינגעשפארט צו שרייבן א ספר וועגן דעם. זיך באלד גענומען צו

דער ארבעט. במשך פיר וואכן, האט ער טאג און נאכט געהארבעט, צוגרייטנדיק דאס ספר צום דרוק. ער האט באוויזן דאס צו טאן אונטער א קורצן צייט-אפשניט. באלד גערופן א „קאר-סערוויס" הין-און-צוריק. מ׳פארט צו הרב לייטנער. די קאר האט געווארט 2 שעה, אויף זיין קאסט. יעדער מינוט איז געווען טייערער פון גאלד!...אידן עסן רח״ל טריפות. מ׳מוז שוין גיין צום דרוק! ס׳רעדט זיך דאך וועגן „פקוח-נפש" לאפרושי מאיסורא!...

## איילט ארויסצוגעבן ספר...

הרב לייטנער האט בפה מלא צוגעשטימט ארויסצוגעבן דאס ספר (פארשטענדלעך, בכתב האט ער מורא געהאט צו געבן, צוליב די „פרומע-טעראריסטן". מילא, ס׳איז נישט קיין נייעס...). אין זעלבן טאג איז דאס ספר אפגעדריקט געווארן און געגאנגען צום בינדער. מר. ראזנצווייג „תפארת" ביינדערי. פלוצלונג, קריגט דער רבי, א געהיימע ידיעה: אן ארבעטער אין דער בינדעריי, א זון פון א שוחט, האט גענומען דאס ספר אומגעבונדן און געפארן מיט דעם צום שעכט-הויז אין ווינלאנד. ער האט באלד פארשטאנען, דאס זאגט נישט אן קיין גוטס. די פרומע-טעראריסטן (די מענטשן וואס זענען מאכיל כלל-ישראל מיט נבילות, טריפות, חלב און בלוט) אין מאמענט ווען דאס ספר וועט קומען צו זיי אין האנט, וועלן זיי צואלעם ערשטנס, נאך אידער זיי ווייסן אפילו וואס דער פראבלעם איז בכלל... פארעפנטלעכן א באשטעטיקונג אין „איד" אז אלעס איז כשר וישר, ויאכלו ענוים וישבעו... ער האט זיך באלד געשטעלט אין קאנטאקט מיט מר. ראזנצווייג און אים געזאגט: לויט דעם וואס ס׳איז געשען דורך אייער ארבעטער, איז דער מצב אזוי: קענט איר מיר דאס אויסענדיקן נאך היינט, איז גוט. ווען ניט, האט דאס גאנצע ספר קיין ווערט, און איך דארף אים ניט!...

## דער גערַאנגל פאר אידישקייט עקזיסטענץ און אונזער צייט

דער בינדער האט געטאן אלץ וואס נאר מעגלעך און אריסגעפערטיקט דאס ספר אין אנהייב פון די נאכט-שטונדן. דער רבי האט אנאליזירט די סיטואציע: סאיז מיטוואך ביינאכט. אריב דאס ספר וועט נישט פארשפרייט ווערן אין די הייזער נאך איידער ,,דער איד״ קומט ארויס מארגן דאנערשטיק אינדערפרי, אז אלעס איז כשר וישר. ווען זיי נאך קענען זאגן: ער טוט עס להכעיס! ווייל די סאטמארער רבנים מכשירים (מכשילים) האבן דאס גע׳כשר׳ט, זאגט ער אז ס׳איז טריפה!... און אויב מ׳וועט זיי פרעגן: דער האלמינער רב שליט״א, האט דאך שוין מחוה דעת געווען, בערך א יאר צוריק, לויט ווי ס׳געדרוקט צונויפצושטעלן און צוגרייטן צום דרוק אזא ספר. דאך, וועלן זיי שוין פארדרייען די יוצרות מיט זייערע פאלשע דריידעלעך. די זעלבע נאכט, האט מען מיט ,,קאר-סערוויס״ פארטיילט דאס ספר ,,אכילת תרנגולים כהלכתה״ פון שטוב צו שטוב, נאך איידער ,דער הייליקער׳-,,איד״ איז ארויסגעקומען מיט זיין פאלשן היתר ווי די ,,כת״ שבתי-צביניקעס אין זייער צייט.

ס׳איז דאנערשטיק אינדערפרי, דער ,,איד״, ווי דערמאנט, איז ארויס מיט א מודעה אונטערגעשריבן פון פיל רבנים, אז ס׳איז נישטא קיין שום חשש. אלץ איז כשר וישר... ווי זאגט דאס ווערטל אין ענגליש: ,,ביזנעס לייק יוזשל!... עווריטינג איז אלל רייט!״... טרעפט ווער ס׳איז אלץ אונטער געשריבן אויף דער מודעה? נישט קיין אנדערער ווי... איר קענט שוין אליין טרעפן? הרב לייטנער. דער רבי איז געווארן דערשיטערט. וואס, ער? ער איז דאך געווען, דער דאזיקער, וואס האט מיך געשטופט צו דעם אלעם. וואס טוט זיך דא? איז דאס טאקע אמת? ער נעמט דעם טעלעפאן רופט אים אפ: הרב לייטנער? יא! אנטשולדיקט מיר זייער, וואס איז געשען מיט אייך? איר זענט געווען, דער יעניקער, וואס האט געאסערט די עופות און מיך געשטופט

מפרסם זיין א ספר וועגן דעם. און דא גאר, שרייבט איר אונטער, אז אלעס איז כשר וישר!...

בארואיקט אייך. איך וועל אייך איבער געבן בקיצור וואס דא איז פארלאפן, דורכן טאג: מ׳האט פארופן אן אסיפת-רבנים אין סאטמארער בית המדרש מאנרא. (מ׳זאל קענען זאגן, די אסיפה איז פארגעקומען אין רבינ׳ס הויז. דער ליגנט מוז דאך האבן א שטיקל אחיזה אין מציאות). אויף דער אסיפה, רופט זיך אן הרב ביק, איך האלט: מ׳דארף שוין איצט פארעפנטלעכן א מודעה וואו ס׳זאל פעסטגעשטעלט ווערן, אז די עופות זענען כשר!... הרב לייטנער גיט א פרעג: ווי קען מען מפרסם א מודעה אז ס׳איז אלעס כשר וישר, נאך איידער מ׳האט עפעס מברר געווען וועגן דעם? ס׳איז דאך ,,א שטר מוקדם?!״... ענטפער: קודם זאלן אלע אנוועזנדע אונטערשרייבן, אז די עופות זענען כשר למהדרין מן המהדרין... ערשט דאן וועט מען נעמען אונטערזוכן דעם פראבלעם... מה נפשך, וועט מען אויסגעפונען אז ס׳איז כשר, איז דאך מה טוב ומה נעים!... חלילה, נישט. ק׳מען נאכער שרייבן: די עופות זענען נישט כשר!... (ווערטער וואס פאסן פאר א פערד-סוחר, נישט פאר חשובן רב, ווי ער?!...). די בייזיידונג, וועגן די קאמישע אויפירונג פון רב, איז: מ׳האט פארשפראכן געלט און כבוד. מ׳וועט אויפנעמען זיינע זין און איידעמעס אויף מכובד׳יקע און גוט באצלטע שטעלעס, ווי אויך גרויס פרסום. משגיחים אויף מקוואות און שעכט-הייזער. ס׳איז געווען גענוג צו ווירקן, ער זאל טאן וואס זיי האבן געוואלט... די מודעה מיט די אונטערשריפטן איז פארעפנטלעכט געווארן, קעגן ווילן און וויסן פון די רבנים!... גענוי ווי ס׳איז געשען בעת דעם אלארעם וועגן חלב!... קודם האט מען מפרסם געווען, אלץ איז כשר וישר... נאכער איז מען געגאנגען אויספארשן!...

## הרב ווייס פארפלאנטערט זיך...

א וואך שפעטער, איז געווען פארעפנטלעכט אין ,,איד" א בריוו פון ירושלים׳ער רב הרב ווייס. אין וועלכן ער שטעלט פעסט, אז די עופות זענען כשר (זיין פסק, אז ס׳איז טריפה, גייט נאר אן וועגן ארץ ישראל, אבער נישט אין די פאראייניקטע שטאטן), און ווער ס׳צווייפלט אין פסק פון די אמעריקאנער רבנים: איז עתיד ליתן את הדין. זעענדיק דעם בריוו, איז דער רבי דערציטערט געווארן. ווי קען דאסווירקלעך זיין? הרב ווייס, ירושלים׳ער רב זאל אונטערשרייבן אזא בריוו?!...

ער איז געווען זייער צעטומלט. ווי קען דאס זיין? אין ארץ ישראל פארעפנטלעכט מען אן איסור. ווי ווייט די זאך איז ערנסט, ק׳מען זען פון פאקט, אז אפילו דער ציוניסטישער ראבינאט איז צוגעשטאנען צום פסק פון הרב ווייס. און אין די קאלאניעס וואו מ׳האדעוועט עופות, האט מען אנגעהויבן געבן די איינשפריצונגען נאר אין די פיס. כדי ס׳זאל נישט זיין קיין שאלות פון נקיבת הסימנים. און דווקא דא-הי, אין אמעריקע, איז אלץ כשר וישר?!... די גאנצע ארץ-ישראל פרעסע האט באריכטעט וועגן די עופות און געברענגט דעם פסק פון די רבנים. אבער אין ,,איד" איז נאר געווען באריכטעט וועגן ציונות. גארנישט וועגן פסק קעגן די איינשפריצונגען. ס׳זעט אויס, אז זיי אינטערעסירט כשרות, נאר אויף אזוי ווייט, וויפיל געלט מ׳קען מאכן דערביי, אבער נישט מער!...

דער ענין האט אים נישט געלאזט רוען. ס׳האט זיך גאר נישט געלייגט אויפן שכל אזא זאך. א מחשבה לויפט דורך: דער בריוו מוז זיין פאלש!... מ׳האט דאס פארעפנטלעכט אן זיין וויסן און רשות. אויב אפילו, ער איז געווארן געווארן, האט ער נישט די יכולת זיך קעגן שטעלן און מכחיש זיין. ראשית, זיי וועלן נישט

מפרסם זיין אין „איד" זיין אפלייקעננג; צווייטנס, מחמת פחד. זיי וועלן נאך לאזן אין גאנג דעם „פרומען טעראר" אין זיינע אלע פאזן... וד"ל. איך מוז אליין מברר זיין, וואס דא קומט פאר! זאגט ער צו זיך. ער רופט אן דירעקט הרב ווייס'ן, קיין ירושלים. די הויז מענטשן ענטפערן: הרב ווייס איז אין דער שווייץ! ער זוכט אים אויף אין דער שווייץ. שלום עליכם הרב ווייס! דא רעדט שלום יודא גראס, האלמינער רב פון בארא פארק. אזוי ווי איך האב גראד איצט פארעפנטלעכט א ספר אונטערן נאמען: „אכילת התרנגולים כהלכתה", פיר חלקים, וואו איך האב געווידמעט א ספעציעלן קונטרס פאר אייער תשובה, געשריבן אין ארץ-ישראל וועגן די עופות איינשפריצונגען, און לויט די אינפארמאציע וואס איך האב באקומען פון כמעט אלע 50 סטעיט-רעגירונגען, איז דער איינשפריצונג-פראצעס דא-הי דער זעלבער ממש ווי אין ארץ-ישראל! ממילא, איז דאך אייער פסק חל אויף אמעריקע, גענוי ווי אויף ארץ-ישראל, און מ'טאר באין-אופן נישט עסן די עופות. טא-וויאזוי איז דערשינען אין „איד", אייערס א בריוו, אין וועלכן ס'ווערט געברענגט, אז די עופות אין אמעריקע זענען כשר, און ווער ס'צווייפלט אין פסק פון די „התאחדות" רבנים, איז עתיד ליתן את הדין!... דעריבער בעט איך אייך זייער, למען כבוד שמים, מיר צו זאגן: צי איז טאקע דער בריוו געשריבן דורך אייך און פארעפנטלעכט געווארן מיט אייער וויסן, אדער האבן די רבנים-מכשירים אים אליין פאבריצירט?!...

*

## אונטערגעשריבן דורך צוואנג...

איך האב דעם בריוו געשריבן ענטפערט הרב ווייס. האט איר טאקע געשריבן דעם לשון: „וכל המהרהר עתיד ליתן את

הדין ? !" איז דער ענטפער ווידער: יא. איך האב אזוי געשריבן !... טא וויאזוי פרעגט אים ווידער האלמינער רב דערקלערט איר די סתירה אין אייער פסק: אין ארץ ישראל זענען די איינגעשפריצטע עופות טריפה, און די עופות אין אמעריקע מיטן זעלביקן פראבלעם ממש, זענען כשר וישר און מ'טאר אפילו נישט מהרהר זיין נאכן היתר. און אויב חלילה יא, איז מען עתיד ליתן את הדין ? !... הרב ווייס גיט נאכער צו. ער האט דעם בריוו טאקע, נישט אליין געשריבן. נאר, אונטערן גרויסן דרוק, אים אונטערגעשריבן, קעגן זיין ווילן !... (מסתמא, האט מען אים געדראט אפצושטעלן די שטיצע פאר דער ,,עדה", ווי ס'איז געשען בעת דעם חלב שטורם פון דער רעדאקציע).

הרב ווייס בריוו איז געווארן ביי דער ,,התאחדות הרבנים" ווי די ,,לוחות הברית". זיי האבן אויך פארעפנטלעכט אין דעם קונטרס ,,מפתח הכשרות" (ערלעכע אידן רופן אים: ,,מפתח הטריפות" ווייל זיין גאנצער ציל איז נאר, מתיר צו זיין: נבילות, טריפות, חלב, טריפהנע עופות, יין-נסך און דג"ל).

*

נאך אלע אנטוישונגען האט זיך דער רבי נישט אפגעשטעלט. ער האט פארעפנטלעכט אנאנסן אין דער פרעסע וואו ער ברענגט פאקסטאטן פון בריוו וואס די סטעיט-רעגירונגען האבן געענטפערט וועגן די עופות-איינשפירצונגען. אידן האבן די זאך גענומען ערנסט, און די זאך האט זיך גענומען קירעווען צום ריכטיקן וועג. ס'איז כדאי צו באטאנען, אז באלד נאך דעם, ווי דער האלמינער רב שליט"א האט פארעפנטלעכט אין ,,דזשואיש-פרעס" די רעגירונג-דאקומענטן, וועגן די איינשפריצונגען, און די כשרות

פראבלעמען וואס זיי זענען גורם. ווי אויך עצות וויאזוי דאס מונע צו זיין. האט די גרויסע קאמפאני פון געפרוירענע עופות „עמפייער" גענענדערט איר סיסטעם און אנגעהויבן איינשפריצן אין די פיס, אנשטאט ביים האלדז ווי ביז איצט, כדי צו לייזן די כשרות פראבלעמען וואס קענען עווענטועל ארויסקומען פון דעם . די לייזונג האט געקאסט דעם פראדוצירער, נישט מער ווי א דריטל פעני אויף א פונט... דאקעגן די רבנים-מכשירים פון דער „התאחדות" האט גארנישט אינטערעסירט מתקן צו זיין דעם מכשול. כאטש זיי האבן שוין געוואוסט וועגן דער עצה (פון רבינ'ס ספר), ווי אויך, אז ס'איז אדורכפירבארע זאך מיט קליינע הוצאות. ממש א שיבוש, ווי פריער דערמאנט. פונדעסטוועגן האבן זיי נישט איינגעטונקען, א פינגער אין קאלטן וואסער צו טאן עפעס וועגן דעם. די זאך האט זיי אזויפיל אינטערעסירט, ווי דער פאריעריקער שניי... זיי איז נאר אינטערסאנט וואו מ'קען מאכן א פעטן דאלאר!...

די זאך קען דערקלערט ווערן, נאר לויט ווי דער סאטמארער רבי זצ"ל ברענגט אין זיין ספר „ויואל משה" אין נאמען פון תשובות הרשב"א, וואס ער ברענגט בשם הזוהר, אז פאר משיח'ן וועלן רוב רבנים און רבי'ס זיין חברים פון דעם „ערב-רב", רח"ל. ער זאגט נישט דארטן, אז אויף די רבנים פון „התאחדות" איז דער כלל נישט גילטיק!...

## וויאזוי האבן ערלעכע אידן רעאגירט?...

1. א גרויסער טייל ערלעכע אידן האבן אינגאנצן אויפגעהערט צו עסן פלייש, אפילו עופות, וואס ביז איצט פלעגן זיי דאס יא עסן; 2. די רבי'ס פון סקווער און וויזשניץ-מאנסי האבן באשטעלט עופות, פון פלעצער וואס באנוצן נישט די איינשפריצונגען; 3. טאש האט געברענגט עופות פון

מאנטרעאל; 4. די אמת׳ע ערלעכע רבנים און רבי׳ס האבן געשיקט שליחים, זיי זאלן נאכזוכן און ברענגען עופות אן די איינשפריצונגען; 5. א גרופע פון אמת׳ע ערלעכע אינגעלייט בני-תורה, האבן געלאזט צו וויסן אין וועלכע פלעצער מ׳קאן באקומען עופות אן איינשפריצונגען; 6. א קוזין פון „עמפייער"-בעלי-בתים, וואס וואוינט אין ארץ-ישראל, האט געשריבן צום רבי׳ן א דאנק-בריוו פארן ספר „אכילת התרנגולים כהלכתה". ער שטרייכט אונטער, אז דער ספר דערקלערט דעם ענין זייער קלאר און דייטלעך און אויך געשמאק. ער פארענדיקט מיט א באריכט צום רבי׳ן, אז די "עמפייער"-קאמפאני האט באלד מתקן געווען דעם פראבלעם, ווי פריער דערמאנט.

ווי פלאמט נישט דאס פנים פאר שאנדע, „עמפייער" איילט זיך צו לייזן א כשרות-פראבלעם. אבער, די מכשירים פון „התאחדות" חלילה?!... און אזוי איז דאס געבליבן. וויאזוי ק׳מען זיך פארלאזן אויף זייער נאמנות, אז זיי פארמאגן גארנישט אזא ארטיקל וואס הייסט „נאמנות?!"...

* * *

# קאפיטל 31

## צוויי שוחטים אקציע...

אין יאר תשל"ז האט דער רבי שליט"א אנגעהויבן אויסצובעסערן דעם ענין פון שחיטות, ס׳זאל אלץ זיין אויסגעהאלטן לויט דער הלכה. ווי אויך, ס׳זאלן זיין צוויי שוחטים: איינער זאל שעכטן, און דער צווייטער זאל בודק זיין דעם חלף (שעכט מעסער). איבער זיי זאל נאך זיין א משגיח, און די שחיטה זאל זיין נישט אין גרויס געאייל, ווינציקער עופות זאלן געשחט׳ן ווערן יעדן שעה. א סך כולל אינגעלייט האבן

אויפגעהערט צו עסן פון די ,,מעס-פראדאקשאן"-שחיטות און אנגעהויבן צו נוצן עופות פון די שחיטות וואס שעכטן נאר א פאר הונדערט עופות א שעה... ס'זענען פארעפנטלעכט געווארן אגעטאציע-פלאקאטן פאר די קליינע שחיטות ,,נאן מעס-פראדאקשאן"... ווייל דאס האט נאך א מעלה, ס'שטייט ביי די שחיטה א משגיח וואס איז בודק די חלפים פון די שוחטים בשעת מעשה. לויטן ווילנער גאון אין ספר מעשה רב, איז קראנטער צו עסן שבת נאר מילכיקס, איידער צו עסן פון א שחיטה וואס מ'האט נישט בודק געווען דעם חלף בשעת דער שחיטה...

שבת הגדול פון דאזיקן יאר, שטייט הרב ביק אויף דער בימה און האלט זיין דרשה, אין וועלכע ער זאגט: ס'איז עפעס דא א משוגע'נער וואס וויל אסר'ן אלע עופות דא אין לאנד. ווייל ער האט אזוי געטראפן שטיין אין מעשה רב פון גר"א. דא-הי איז אנדערש. מ'קען נישט אנגיין ביים שעכטן מיט אלע הידורים וואס מ'האט זיך געפירט אין איירапע!

ס'איז כדאי צו באטאנען, אז אין יאר תשל"ה, ווען ס'איז אנטפלעקט געווארן די גרויסע מכשולים ביי די עופות-שחיטות, איז הרב ביק געווען דער דאזיקער, וואס האט געשריגן ברבים, מ'זאל נישט עסן מער פון די שחיטה. א גרויסער טייל פון די ליטווישע ישיבות האט טאקע אויפגעהערט צו עסן עופות. און דא, מיטאמאל, האט ער איבערגעדרייט דעם דישל, און ווערט אן אנהענגער פון דער ,,התאחדות". אזוי ווייט, מיטצוארבעטן, אז אלץ איז כשר וישר!... ליידער, איז דא א סיבה דערפאר. די חברה פון ,,מחנו"ט" (ראשי-תיבות: מאכילי נבילות וטריפות חלב ודם) האבן אים פארשפראכן א סך געלט און כבוד. דאס קען יעדער בולט זען, פון אופן ווי אזוי די חברה שרייבן אין ,,איד" וועגן אים, און זיינע קינדער. ווי געברענגט אויספירלעך אין ספר

„אכילת בשר הלכה למעשה". לויט דעם, איז שוין גארנישט קיין וואונדער, וואס ער איז גרייט צו זאגן אויף אלעם: אמן!... ער האט אפילו ארויסגעטראטן קעגן א תקנה פון גר"א (ווילנער גאון), ווי פריערט דערמאנט. ער באגענוגנט זיך נאך נישט מיט דעם, ביז ער איז מבזה ברבים אן אומשולדיקן מענטש וואס איז נאר גאט די נשמה שולדיק, אן קיין מאטעריעלע אינטערעסן.

## הרב ביק פארקוקט א חתם סופר...

דער רבי רופט אן הרב ביק, כאילו נישט ער רופט און פרעגט: האלא, הרב ביק? יא, וואס איז?! כ'האב געהערט פון האלמינער רב, אז ס'איז דא א תקנה פון פריערדיקע, ביי יעדער שחיטה זאלן זיין צוויי שוחטים! וואס מיינט איר וועגן דעם? דער מענטש איז א משוגענער! ער פארשטייט נישט אז דא-הי קען מען נישט איינפירן אזעלכע מנהגים ווי מ'האט זיך געפירט אין אייראפע! מ'מוז דאך דא עסן פלייש, און מ'קען נישט אפהאלטן אידן פון עסן פלייש... הרב ביק, זאלט איר געזונט זיין: ס'שטייט אבער דאך מפורש אין חתם סופר יו"ד, סימן י"ג, און תשובות דברי חיים (צאנז) יו"ד, סימן י"ב און נאך אחרונים, אז אזוי איז געווען איינגעפירט משנים קדמוניות, ביי יעדער שחיטה זאלן זיין צוויי שוחטים. ממילא, איז דאך שוין דאס בגדר נדר, און א דאורייתא'דיקער ענין!... ס'איז נישטא אזא חתם סופר!...

ענטפערט ער. אנטשולדיקט מיר הרב ביק, איך זאג אייך נישט וואס מ'האט מיר געזאגט, אדער כ'האב עפעס אזוי געהערט. דער חתם סופר ליגט דא פאר מיינע אויגן, און וואס כ'האב אייך געזאגט שטייט דא אין אינעווייניק (זע צוגאבן). ווידער דאס זעלבע: ס'איז נישטא אזא חתם סופר! דער „פרעגער" ווערט שוין אביסל צעוואורעמט און זאגט: ווי קענט איר זאגן אזא ליגנט?!... נעמט ארויס דאס ספר און קוקט אריין ווי אנגעגעבן.

וועט איר זען וואס איך האב געזאגט !... געדענקט איר דען אזוי געווי דעם גאנצן חתם סופר? ספעציעל ווען איך זאג אייך פון אינעווייניק, זאגט איר מיר: ס׳איז נישטא אזא זאך! דאס נעמט זיך נאר פון קליפת נוגה !... און נישט געווארט ביז הרב ביק זאל אראפלייגן דעם טראבל, ווי זיין שטייגער, ווען ער ווערט אין כעס, נאר באלד פארמאכט דעם טעלעפאן.

## כי השוחד יעוור...

דער רבי, ארומקוקנדיק זיך, ווי ווייט רבנים, צוליב זייער נגיעה, זענען גרייט צו זאגן יעדן ליגנט. האט ער באשלאסן ארויסצוגעבן דעם ספר ,,שאלות ותשובות זבחו זבחי צדק״, 3 תשובות, אין וועלכע ס׳ווערט קלאר ארויסגעברנגט די תקנה פון קדמונים: וועגן 2 שוחטים, איינער זאל אבאכט געבן אויפן צווייטן, אז אלץ זאל זיין כדת וכדין פון אנהויב ביזן סוף, און אז דער ענין ווערט שוין דערמאנט אין פריערדיקע פוסקים. (זע אויך תקנות פון ר׳ עקיבא איגר, צום סוף קונטרס). ער באטאנט דעם לשון פון הייליקן צאנזער רב: ,,די תקנה איז איינגעפירט כמעט אין אלע ישובים וואו אידן וואוינען״. דאס ספר נעמט ארום אלץ וואס איז נייטיק וועגן דעם ענין.

א צייט שפעטער האט ער געדרוקט דעם: ,,שחיטת ואכילת בשר כהלכתה״, אין וועלכן ער גיט אפ א גאנץ קאפיטל וועגן פריער דערמאנטן ענין, און ציטירט 27 פוסקים, וואס לויט זיי מוז זיין ביי יעדער שחיטה 2 שוחטים !... ער האט דאס דאזיקע ספר צו געשיקט דורך פאסט, צו הרב ביק.

טראץ דעם, הרב ביק ענדערט נישט זיין מיין. די סיבה?... פארשטענדלעך! (דער שוחד גייט אן...) רופט א יונגערמאן אים אן וועגן דעם, זיין ענטפער איז דער זעלבער ווי פריער דערמאנט... הרב ביק: ס׳ווערט דאך געברענגט דארט און דארט

פארקערט ? !... ס'איז נישט קיין תורת משה !... איז זיין ענטפער. הרב ביק: ווי קענט איר אזוי מזלזל זיין אין די גדולי הפוסקים פון פריערדיקע דורות, און רעכנט אויס די גאנצע ליסטע פוסקים ? !... אנשטאט ער (הרב ביק) זאל מודה זיין אויפן אמת, ווארפט ער אראפ דעם טעלעפאן.

א נקודה פון אמת ק'מען נישט אונטערדריקן. אין פארשידענע ערטער האבן ערלעכע אידן איינגעפירט, ס'זאל זיין ביי יעדער שחיטה צוויי שוחטים, ווי דערמאנט. אנדערע רבנים זענען גאר אליין געגאנגען צום שעכט-הויז בודק זיין, נאכדעם ווי דער רבי שליט"א האט זיי אויסגעלערנט בודק זיין א חלף. לײדער, האבן זיי טאקע געטראפן ביי שוחטים חלפים, נישט ווי ס'באדארף צו זיין...

* * *

# קאפיטל 32

## שחיטה אין אמעריקע קיין שחיטה נישט! „כשר" קלעבט זיך נישט צו איר..."

אין יאר תשמ"ה, איז דער רבי אמאל געווען ביי א דאקטאר, אין אן ערב שבת. ער באגעגנט דארט א גרויסן מומחה אין ניקור מיטן נאמען ר' ראובן פערלאוויטש. א תלמיד און מוסמך פון גאון ר' משה פיינשטיין זצ"ל. א גרויסער תלמיד חכם, אן ערלעך-תמימות'דיקער איד. ער פלעגט א סך מאל אריינקומען אין רבינ'ס בית מדרש דאווענען, אבער אומבאקאנט. דעמאלט (איידער ס'איז נתגלה געווארן די פראבלעמען וועגן ניקור דא-הי) געזאגט דעם רבין: וואס זאל איך אייך זאגן, איך קען מעיד זיין בתורת עדות, אז כ'האב נישט געטראפן דא-הי קיין מנקר (פון די היגע מנקרים נישט געקומענע פון ארץ-ישראל) וואס זאל וויסן

דעם ענין פון ניקור, הלכה למעשה פערפעקט !... אלץ וואס זיי קענען איז...

צו שנײַדן דאס פלייש, אבער נישט מנקר זיין דעם חלב !...

דער רבי האט זיך נישט צופיל איבערגענומען מיטן מנקר׳ס ווערטער, ווייל אין זיינע אויגן, איז די גאנצע כשרות פון דער שחיטה אידל געוועדט א „צווייפלהאפטע״... און מ׳וויל דאס נישט מתקן זיין, טא וואס וועט שוין זיין אז מ׳וועט יא מנקר זיין ווי ס׳דארף צו זיין ? !... צוריק צו פריער.

ר׳ ראובן דערציילט פארן רבין: איך קום איצט פון ראכמעסטריווקער מקוה, וואו כ׳האב באגעגנט אן ארץ-ישראל איד, א רב און שוחט אין א געוויסע שטאט דארט, וואס איז אהער געקומען אונטערזוכן: ווי זעט אויס די שחיטה דא-הי? זאגט ער צו מיר (אזוי זאגט ר׳ ראובן): „די גאנצע שחיטה אין אמעריקע איז קיין שחיטה ניט, דאסווארט „כשר״ פארט זיך ניט מיט איר !...

דער רבי בעט ר׳ ראובנ׳ען, ער זאל מסדר זיין פאר אים א טרעפונג מיטן רב פון ארץ ישראל. ער וויל מיט אים רעדן פערזענלעך. איר קענט מיט אים רעדן אָן אַן „ארענדזשמענט״, זאגט ר׳ ראובן. גייט באלד אריבער צו אים, ווי פריער דערמאנט, וועט איר קענען רעדן מיט אים.

ער גייט באלד אריבער צו אים אין מקוה און מאכט זיך, כאילו ער קומט אין מקוה און ניט צו אים. דער ארץ-ישראל רב האט שוין געהאלטן אין אנטאן זיך. דער רבי טוט זיך שנעל אויס, טובל׳ט זיך און איז שוין אינדרויסן אנגעטאן. גיט א וואש די הענט, און באלד שלו׳ געגעבן דעם ארץ-ישראל רב. ער גיט אים א פרעג: זענט איר נישט פון בת-ים? איר זענט מיר זייער

קענטלעך!?... ער פרעגט דעם רבין: ווער זענט איר? מ'רופט מיר: הרב גראס! איך פובליציר פארשידענע ספרים וועגן כשרות און דג"ל.

דער ארץ-ישראל גאסט דערציילט פארן רבין: מיט א קורצע צייט צוריק האב איך באקומען אייער ספר: „שחיטת ואכילת בשר", וויבאלד איך בין א רב און שוחט, ווייס איך אפצושאצן די נויטוועדיקייט פון דעם סארט ספר. דאס ספר איז זייער א נוצבאר ספר. ס'העלפט א סך ארויס!...

ווען זענט איר געקומען? און וואס טוט איר דא-הי? פרעגט אים דער רבי. מ'האט מיך, זאגט דער רב, געשיקט אהער מתקן זיין דעם ניקור!... ארץ ישראל קויפט פון דא-הי צענדליקער טאנען פלייש. ספעציעל: צונג, לעבער, מוח, קעלבערנע פיס. אויף די שחיטה האט קיינער נישט געהאט קיין צווייפל, וויבאלד די רבנים-מכשירים שיקן דאך איבער אהין גרויסע סומען געלט, ממילא איז דאך אלץ כשר וישר!... אבער נאכדעם שטורם וועגן חלב, האט מען אנגעהויבן נאך צו קוקן און בודק זיין די לעבערס, האט מען אויסגעפונען אז זיי זענען פול מיט חלב. אזוי ארום איז מען געוואויר געווארן, מ'האט יארן לאנג גענוצט לעבערס נישט גע'ניקור'טע. ער איז ממשיך: מיין אויפגאבע איז איצט, מתקן זיין דעם מכשול פון די לעבערס. זען מ'זאל אראפנעמען דעם חלב פון די לעבערס. ער גיט צו: כ'האב געווארנט די בעלי בתים פון די שעכט-הייזער, אויב זיי וועלן נישט אראפנעמען דעם חלב פון די לעבערס, ווי ער פארלאנגט, וועט ארץ ישראל אויפהערן קויפן ביי זיי. צום סוף זאגט דער ארץ-ישראל רב: וויבאלד איך בין דאך שוין דא-הי, וועגן תיקון הניקור. וואס לכתחילה איז קיינעם נישט איינגעפאלן, אפילו צו טראכטן וועגן אזא זאך, און איר זעט דאך וואס ס'איז געשען. **ממילא, איז מיר געוועןן**

**זייער דרינגענדיק אינטערעסאנט א קוק צו טאן וואס טוט זיך אין די שעכט-הייזער. ווי זעען אויס די חלפים?!... און דג"ל?! איך פאר פון איין ארט צום צווייטן און זע, דער מצב השחיטה איז זייער נישט אין ארדענונג. ס'איז קיין שחיטה נישט!...**

## א פסול'ע שחיטה!...

אויסהערנדיק דעם ארץ-ישראל רב, האט דער רבי געטראכט וועגן פארשידענע ענינים, וואס צוליב זיי זאל מען פסל'נען די שחיטה דא-הי. אבער, ער האט געוואלט וויסן וואס דער רב האט אויסגעפונען. גיט ער אים א פרעג: וואס מיינט איר מיט דעם, אפשר ווייל מ'שעכט זייער שנעל, 60 בהמות א שעה? ענטפערט ער אים: איך באצי זיך אין גאנצן נישט צו די שנעלקייט. איך מיין גאר עפעס אנדערש. ביי אזא גרויסע פראדוקציע זאל שטיין איין שוחט אליין, אן עמיצין נעבן אים, וואס זאל בודק זיין די חלפים אין מיטן די שחיטה, טא ווי אזוי קען זיין אזא שחיטה כשר? אין ארץ ישראל, ווען מ'גייט שעכטן 5 בהמות, זענען אנוועזנד 5 מענטשן: א שוחט, א בודק פנים, א בודק חוץ, א משגיח און א רב. און דא, שעכט מען 70-60 בהמות א שעה און נאר איין שוחט געפניט זיך דארט, אין גאנצן אן עמיצין וואס זאל בודק זיין די חלפים אין מיטן די שחיטה.

דער רב איז ממשיך דערציילן וואס ער האט אלץ געזען אין די שעכט-הייזער דא-הי: איך בין צו געגאנגען צו א באוואוסטן שוחט, בודק געווען זיין חלף און געזען אז ער איז נישט אין ארדענונג. ווען כ'האב אים געוויזן אז דער חלף איז פגום'דיק, ער זאל אים פארבייטן מיט אן אנדערן. איז ער פארשעמט געווארן, און אנשטאט איינצוזען זיין אומפארזיכטיקייט, און פארריכטן

זיין פעלער. האט ער אנגעהויבן צו שרייען: „דו ציוניסט גיי צוריק קיין ארץ-ישראל!״... ער איז ממשיך: לכתחלה האב איך נישט פארשטאנען דעם שוחט׳ס רעאקציע. פרעג איך אים איבער: אנטשולדיקט מיר, וואס פארא שייכות האט דער פגומ׳דיקער חלף מיט ציונות? איך זאג אייך, אז דער חלף איז פגום. ענטפערט איר מיר, איך בין א ציוניסט? מה ענין שמיטה אצל הר סיני? וויסן זאלט איר, איך בין זייער ווייט פון ציוניזם. איך שטאם פון בריסקער חדר, אויך מיינע קינדער לערנען אין בריסק, מיר האבן נישט קיין שייכות מיט ציוניזם. וואס וועט איר אצינד ענטפערן אויף אייער פגומ׳דיקער חלף. וואס מאכט איר פראבלעמען מיט אייער חלף, לייגט אים אוועק און נעמט א צווייטן. ס׳טרעפט זיך אז א חלף ווערט פגום!... דאכט זיך זייער ארנטלעכע און לאגישע רייד. ווייסט איר וואס איז געווען דעם שוחט׳ס ענטפער: „משוגענער, פאר צוריק קיין ארץ-ישראל״.

דער רב דערציילט ווייטער: איך גיי צו צו א צווייטן שוחט, קוק איבער זיין חלף, און ווידער א פגומ׳דיקער חלף. זיין רעאקציע איז געווען די זעלבע ווי פריער דערמאנט: ציוניסט... זייט אויס, זאגט דער רב, אז ביי די שוחטים געפינט זיך שטענדיק גרייט א וואפן, טאמער כאפט מען זיי מיט א פסול׳ען חלף. אנשטאט זיך צו פארענטפערן און פארעכטן וואס ס׳איז נישט אין ארדענונג, נוצט מען באלד דאס גרייטע וואפן: „ציוניסט!״... און דאס כשר׳ט שוין אלץ...

ער זעצט פאר זיין דערציילונג: איך בין געווען אין 23 שעכט-הייזער און אונטערזוכט ווי עס גייט צו די שחיטה. קיין איינע האט מיך נישט צופרידן געשטעלט פון כשרות שטאנדפונקט. שווער צוזאגן כשר... איך האב באזוכט, זאגט דער רב, וואו מ׳זאלצט קעלבערנע פיס און געזען דאס מ׳זאלצט זיי נישט ווי סבאדארפצוזיין, נאר מ׳טינקט איין אין זאלץ בײדע עקן

פון די פיס, און דאס איז אלץ. גיב איך א פרעג דעם מאן וואס זאלצט: פארוואס זאלצט איר נישט דעם גאנצן פוס? ענטפערט ער: ס'איז דאך דא האר, טא ווי קען מען זאלצן? פרעג איך אים צוריק: ס'שטייט דאך אזוי מפורש, מ'זאל זאלצן אויף די האר!... איז זיין ענטפער געווען: וואס פארדרייט איר א קאפ. איך זאלץ שוין אזוי 30 יאר, קומט איר איינפירן נייע מנהגים?... בין איך שוין צו געגאנגען צום רב המכשיר. איז ער ממשיך: גיב איך אים א פרעג? האט איר באפוילן אזוי צו זאלצן די פיס? כ'האב קיינמאל אזוי געהייסן טאן!...

הרב טוביה שטערן פון מיאמי, האט אויף אן אסיפה פון אגודת הרבנים, וואס איז פארגעקומען דארט, געזאגט, אז ער איז געווען אין 23 שעכט-הייזער איבער דער לענג און ברייט פון לאנד, נאר צוויי האט ער געטראפן כשר. פון „גלאט-כשר" איז קיין ריידע נישט!... א טייל פון זיינע ווערטער זענען פארעפנטלעכט געווארן אין „אלגעמיינעם זשורנאל" אין יאר תשמ"ה. ווארשיינלעך, איז דער ארץ-ישראל רב מיט געווען מיט הרב שטערן אין די אלע שעכט-הייזער. לויטן באריכט פון רב צום ראבינאט אין ארץ ישראל, האבן זיי פאראדנט, באלד אפצושטעלן ברענגען די פלייש-פראדוקטן פון אמעריקע. און אנשטאט דעם, ברענגען די פלייש-פראדוקטן פון אייראפע.

## געלט... פארבלענט!...

פון פריער דערמאנטן קען מען זען, ווי ווייט דאס געלט האט פארבלענדט אלע רבנים, סיי די פון ראבינאט סיי פון די עדה החרדית. דאס געלט האט צוגעדעקט אלע פשעים... דער אלגעמיינער ראבינאט, האט נישט אונטערזוכט די כשרות סיטואציע במשך אלע יארן, פארלאזנדיק אויף דעם, אז אידן לאזן זיך קאסטן אוצרות געלד פאר דער רעגירונג און ישיבות,

בודאי איז אלץ כשר וישר... ס׳איז אבער כדאי צו באטאנען. אין מאמענט ווען דער ,,ראַבאָנוט״ האט זיך דערוואוסט אז די פליישן זענען נישט כשר, האבן זיי באלד אויפגעהערט דאס צו קויפן...

די רבנים פון דער ,,עדה״ אין ירושלים, כאטש זיי האבן געוואוסט גענוי אז די פליישן אין אמעריקע, איז מען נישט מנקר גוט און זיי זענען פול מיט חלב. דאך, צוליב דער מורא, אז די רעדל-פירער דא הי וועלן מער נישט שיקן זייער שטיצע (160 טויזנט דאלאר) א יאר, פאר די תורה-אנשטאלטן, וואס זענען אונטער דער אויפזיכט פון דער ,,עדה״. (דאס מיינט: די געלט פון ,,קרן-הצלה״, כלומרשט ,,צו ראטעווען״ תורה-אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל, וואס נעמען אונטער פארשטעלטע נעמען, געלט פון בידע. סיי פון דער ישראל-רעגירונג, סיי פון ,,קרן-הצלה״), האבן זיי געשריבן אהער אז אלץ איז כשר וישר... ווען ס׳איז אויפגעקומען דאס פראבלעם מיט די איינגעשפריצטע עופות, האט זיך ווידער איבערגע׳חזר׳ט גענוי די זעלבע מעשה. הרב ווייס איז געצוואונגען געווארן אונטערצושרייבן א בריוו אז די עופות זענען כשר וישר אויפן באפעל פון די רעדל-פירער, וואס זענען מאכיל נבילות און טריפות חלב, דם און דג״ל. ער האט מורא געהאט פאר דריי זאכן: פאר זיין כבוד; די געלט פאר די אינסטיטוציעס און פאר דעם ,,הייליקן-טערארד״...

* * *

## בהמות מיט 10 צונגען...

ווי באוואוסט, פארקויפט מען אין אמעריקע, פון איטלעכע בהמה 10 צונגען נישט נאר פיר. ווי מ׳פלעגט זאגן אין דער אלטער היים, אין אייראפע: ,,כי (קיא) משמש בד׳ לשונות״.

אמעריקע איז מער פארגעשריטענער!... ארץ ישראל פלעגט קויפן, דערציילט דער רב, אלע צונגען און לעבערס וואס מ'האט נאר געקאנט קריגן אין אמעריקע. ס'האט קיינער נישט אנדערש געטראכט, נאר, אז די צונגען און לעבערס זענען זיכער כשר'ע. איצט וויל דאס קיינער נישט אנקוקן.

אגב, פרעגט זיך זייער א הארבע שאלה אויף דער כשרות אין די שעכט-הייזער דא-הי: ווען דער עקספארט פון צונגען און לעבערס „גלאט-כשר" קיין ארץ ישראל, איז אזוי גרויס, טא פון וואנען נעמט מען אזויפיל צונגען און לעבערס פאר דא-הי?...

אונגווארער רב (הרב מ. קליין) האט דערציילט פארן רבי"ן: איך האב באזוכט א געוויסן שעכט-הויז. באמערק איך, די רעגירונגס-אינספעקטארן באפארבאן לעבערס, וואס זענען אינפעקטעט מיט די „קענסער„ מחלה מיט גרינע פארב און ווארפן זיי ארײן אין אזא רער, וואס איז געגאנגען פון צווייטן שטאק אראפ צו די גרויסע פעסער. ער איז געוועזן זייער נייגעריק צו זען וואס טוט זיך הינטן מיט די לעבערס?!... ער כאפט זיך אראפ און טרעפט, א קצב שטייט און קלויבט ארויס, פון די פעסער, די מסוכנ'דיקע לעבערס, זיי צו פארקויפן, אלס גוטע סחורה, פאר גרויסע פרייזן. כאטש ער האט געגוי געזען די גרינע פארב, וואס באדייט דורך דער רעגירונג, אז זיי זענען מסוכנ'דיק צום עסן. ער מאכט זיך טאמעוואטע, כאילו ער פארשטייט גארנישט וועגן די אינפעקטעטע לעבערס, און גיט א פרעג דעם קצב: פון וואנט ווייסטו אז די לעבערס זענען כשר?!... אלץ וואס קומט דא אראפ איז כשר!... ענטפערט דער קצב. דער ענין איז צו ערנסט, מ'זאל לאכן פון קצב'ס ענטפער. שוין אפגערעדט פון כשרות, זענען זיי נישט באגלייבט, נאר אפילו אויף געזונט ענינים, זענען זיי חשוד אומצוברענגען צוליב זייער געלט-גייציקייט. ווי די חז"ל זאגן: „טוב שבטבחים שותפו של

עמלק". זע אויך וואס זיי זאגן: „טוב שברופאים הרוג", לויט רש"י'ס אויסטייטשונג, ועסטו פארשטיין די פארזעצונג לויט די דערציילונג.

* * *

# קאפיטל 33

## מקוואות אין זומער פלעצער...

אין זומער תשל"ב איז דער רבי שליט"א געשטאנען אין ליבערטי, קעטסקלס. ביי ר' נח קליין'ס באנגאלא קאלאני. דארט זענען געווען פארן זומער, דרייסיק חרדי'שע אינגעלייט מיט זייערע משפחות. שבת אינדערפרי זענען עטלעכע אינגעלייט געגאנגען טבילה אין „סווימינג-פול", קיין מקוה אויפן פלאץ איז נישט געווען. צו יענער צייט האט ער גע'שוחט'ן פאר דער „מארגארעטענער"-שחיטה און שיין פארדינט יעדער וואך. דאך האט ער זיך גארנישט גערעכנט מיט דעם, און פארגעשלאגן פאר די אינגעלייט: איך וועל בלייבן דא און אויפבויען א מקוה. דאס דארף קאסטן בערך 350 דאלאר. איך וועל אויסגרובן דעם גרוב און מ'וועט באשטעלן א קאמפאני זי זאל אויספערטיקן דעם צעמענט, אזוי ארום וועט דא זיין א גרייטע מקוה. ער איז געבליבן אוועק פון דער שחיטה א וואך צייט, אויסגעגרובן דעם גרוב. טאקע קאלע געמאכט א פאר הויזן און שיך, אבער ביז סוף וואך איז געווען די מקוה גרייט. בקיצור, די הוצאות זענען געווען נישט 350 דאלאר, נאר, 500 דאלאר. דאך האבן אלע אינגעלייט צוגעטראגן זייער חלק.

דאקעגן, ווען דער רבי שליט"א האט פארגעלייגט פאר שוחטים צו בויען א מקוה נעבן שעכט-הויז, ענלעך צו דער באנגאלא קאלאניע מקוה, לכתחילה האבן עטליכע פון זיי נישט געווען גרייט בייצושטייערן זייער חלק הוצאות.

## בעלי-בתים און... שוחטים...

דער רבי שליט״א האט דעמאלט אונטערגעשטראכן, דעם חילוק צווישן די אינגעלייט וואס האבן זייער שטארק געוואלט א מקוה, און די שוחטים וואס האבן אין גאנצן נישט געזען קיין נויטיקייט אין דעם. טא וויאזוי קאענען זיי אנגרופן ווערן: ירא שמים מרבים. (וואס מיינט ירא שמים מרבים, איז דא דריי פשטים, זע אין ,,שחיטת ואכילת בשר כהלכתה״ זייט 62 אות ל), מיט דעם לשון:

,,דער בודק דארף זיין א ירא שמים מרבים, ווי ס׳ווערט געברענגט אין יו״ד סימן טל, סעיף יא־יג.

ווען באדייט פון ווארט ,,מרבים״, זע רש״י (נחמי׳ ז, פסוק ב), וואס זאגט אז דאס מיינט: פון לאנגע טעג צוריק. (אז דער שוחט דארף זיין באוואוסט אלס א ירא שמים, פון לאנג, איידער מ׳נעמט אים אויף אלס שוחט). דער ,,אבן יחייא״ אין די ,,מקראות גדולות״ חומשים זאגט, אז דאס באדייט: מער (ירא שמים) אפילו פון די גרעסטע צווישן אידן.

אין ספר דעת תורה (בורזאן) סימן לט, ס״ק ס, ברענגט ער: כ׳האב געהערט אין נאמן פון לעמבערגער רב, און ער אין נאמען פון גאון און קדוש בוטשאטשער רב, אז דער ווארט ,,מרבים״ באדייט, ער זאל זיין מפורסם, אז מ׳האלט אים פאר א ירא שמים.

ער האט צוגעלייט: אויב א געוויסער קהל מענטשן האלטן, אז זייער שוחט פירט זיך נישט אויף ווי א ירא שמים אין א באשטימטע זאך. כאטש זיי זענען זיך טועה אין דעם, ווייל על פי דין מעג ער דאס טאן, אבער וויבאלד אז זיי האלטן אזוי, טאר ער מער נישט שעכטן ביי זיי און זיך פירן מיט זיינע מנהגים און דג״ל.

ווי באוואוסט, דארף א שוחט זיך טובל'ען יעדן טאג פארן שעכטן, און די דאזיקע שוחטים טוען נישט אזוי. כאטש, וואס פאר א פאר הונדערט דאלאר, האבן זיי געקאנט האבן א מקוה פאר זיך. (זע אין ספר קול השחיטה, א מורא'דיקע מעשה וועגן ענין מקוה ביי שוחטים). די באנגאלא בעלי-בתים, וואס האבן געדארפט א מקוה נאר פאר שבת און זונטיק. א גאנצע וואך זענען זיי נישט געווען דארט. סך-הכל זענען דארט נאר צוויי חדשים. פונדעסטוועגן האבן זיי באלד מסכים געווען צו ביישטייערן זיך פאר א מקוה. טראץ דעם, וואס האבן געוואוסט, אז ס'איז זייער מעגלעך, אז איבעראיאר וועלן זיי נישט צוריק קומען צו דעם פלאץ. דאקעגן די שוחטים, וואס זיי געפינען זיך סטאביל א גאנצע וואך, א גאנץ קיילעכיק יאר, האבן א טייל פון זיי נישט געוואלט צושטייער געבן אפילו א פרוטה. ליידער, ליידער, אזוי זענען היינט אויס די „יראי שמים מרבים"!!!..

* * *

# קאפיטל 34

## הכנסת-אורחים אקציע

אין א געוויסן אוונט, קומט אריין אין רבינ'ס שטוב אן אורח. ער הויבט אן א שמועס מיט אים, און ס'האט זיך אזוי געצויגן כמעט א גאנצע נאכט. ס'איז אים געווען א שאד די טייערע צייט, אבער ווייבאלד ס'ווערט געברענגט, אז ס'איז א גרויסע מצוה צו רעדן מיט אן אורח, טראץ דעם, וואס ס'איז זייער מעגלעך, אז ער זאל נכשל ווערן אין חטא פון לשון הרע. דעריבער האט ער פארגעזעצט דאס געשפרעך. דער גאסט דערציילט זיינע פארשידענע פראבלעמען. צווישן די שמועסן איז אויך אויפגעשוואומען די ענינים פון: ציצית, מזוזה, שבת, יחוד און

נאך. דער אורח האט זיך זייער געקאכט און געפרעגט: וואס איז געשען מיט די רבנים, פארוואס שווייגן זיי?...

דער רבי בארואיקט אים מיט די ווערטער: דער עיקר פראטעסט, זענען מעשים. איך האב א וועג, ווי צו פראטעסטירן אויפן עפעקטיווסטן אופן, ווענן אלע פראבלעמען, וואס זענען דא דערמאנט געווארן. מיר ווען פארפאסן און פארעפנטלעכן א ספר וועלכער וועט ארומנעמען די פריער דערמאנטע ענינים, אים שיקן אין אלע ישיבות און שולן איבער גאר דער וועלט., ממילא, דורך דעם, וועט שוין די גאנצע וועלט וויסן וועגן דעם. צוגעבנדיק, אז די פאדערונג איז נישט בלויז צו די רבנים נאר אויך צו די בעלי-בתים!...

דער גאסט פרעגט: וויפיל ספרים פאדערט זיך צו אזא אקציע? ענטפער: בערך 16 ספרים וואס וועלן אנטהאלטן 2 טויזנט זייטן. פרעגט ווייטער דער גאסט: וואס דארף דאס קאסטן? ענטפער: דרוקן, בינדן און פאסט-הוצאות, אלץ צוזאמען, וועט קאסטן ארום 20 טויזנט דאלאר! ער פרעגט ווייטער: זענט איר גרייט דאס צוזשטעלן אין משך פון צוויי יאר? דער רבי ענטפערט: בעזר השי"ת יא! מ'מאכט א קאנטראקט, און צו דער צייט זענען די ספרים צוגעשטעלט געווארן. דעם גאסט איז געלונגען צוציען נאך עטלעכע נדבנים, און די ארבעט איז געגאנגען מיט דער פולער פארע... מיט דער מיטארבעט פון דעם אידן, האט מען די ספרים ארויסגעגעבן אין דער ענגלישער שפראך אויך.

פון דעם ק'מען זען, דאס וואס אונזערע פריערדיקע חכמים זענען אזוי מפליג די מצוה פון **"הכנסת אורחים"**. גיט נאר א קוק וואס ס'איז אלץ ארויסגעקומען פון דעם שמועס?!...

צו יענער צייט האט דער רבי שליט"א אויך ארויסגעגעבן א ספר וועגן די מצוה פון **"הכנסת אורחים."**

* * *

# קאפיטל 35

## נפש ישעי', ערשטער באנד

אין יאר תשכ"ז, איז דעם רבינ'ס א קינד קראנק געווען, און גרויסע דאקטורים האבן געזאגט, אז דאס נעמט זיך פון דעם, וואס מ'גיט אים נאר כשר'ע מילך מיט וואסער. זיי האבן פאראדנט צו געבן, נאר „סימילאק"-מילך.

ער האט זיך געוואנדן צום שאפראנער רב צו הערן זיין חוות-דעת וועגן געבן א קליין קינד חלב-עכו"ם.

ענטפערט אים דער רב: מיין אייניקל האט אויך געאט דעם זעלבן פראבלעם, און דאקטורים האבן געזאגט, אז דאס נעמט זיך פון די כשר'ע מילך מיט וואסער. טראץ דעם, האבן זיי אים געגעבן א מעדיצין און ס'איז אים בעסער געווארן, און נישט גענוצט קיין חלב עכו"ם. בעזר השי"ת וועט ביי אייך אויך אלץ אדורכגיין בשלום אן חלב עכו"ם. צוגעבנדיק, די דאקטוירים עסן דאך טריפות, ווילן זיי מזכה זיין די קינדער אויך מיט טריפות... פירט אויס: אויב מ'בויט דעם יסוד פון קינד אויף איסור, טא וואס ק'מען שוין דערווארטן פון אים? דער גאנצער יסוד איז דאך איסור!... און דערביי באוויזט ער אים דעם פר"ח מיט די באוואוסטע תשובה פון רמב"ם, ווי געברענגט אין ספר „דגל מחנה אפרים" פרשת עקב, די מעשה מיטן רמב"ם. איבערגעדרוקט אין ספר נפש ישעי' ערשטער חלק, אין דער הקדמה.

דער רבי האט געוואלט וויסן ,,היכא עלמא נהיג"?... וויאזוי פירן זיך חרדי'שע אידן אין דעם ענין? איז ער געוואויר געווארן, אז אין די פרומסטע הייזער גיט מען די קינדער ,,סימילאק" לויט דער פאראָרדענונג פון דאקטוירים. אין גאנץ וויליאמסבורג למשל, האבן נאר דריי משפחות זיך באנוצט מיט כשר'ע מילך. נאך א לענגער געשפרעך מיטן שאפראנער רב וועגן דעם, האט ער באפוילן דעם רבין מפרסם זיין דאס הארבקייט פון דער זאך.

## ,,סימִילאַק"

ער האט צוגעגרייט א קול-קורא קעגן געבן חלב-עכו"ם פאר קליינע קינדער, און זיך געוואנדן צום ,,איד" אים צו פארעפענטלעכן. דער רעדאקטאר איז נישט גרייט געווען אים צו דרוקן באין-אופן, אפילו פאר אן אפצאל, פון צען מאל אזוי פיל ווי אן אנאנס. ער האט גע'טענה'ט: מפרסם זיין א מודעה קעגן מיינע אייגענע קינדער און קינדער פון דער גאנצער געגנט, וואס באנוצן זיך מיט די מילך, וואס דו שרייבסט אז מ'טאר דאס נישט נוצן. זאגט אים דער רבי: איך קום אין שליחות פון שאפראנער רב! ענטפערט אים צוריק דער רעדאקטאר: די שליחות קען זאן פון ווערמען ס'זאל נאר נישט זיין, וועל איך זיך נישט רעכענען מיט דעם. אויב מ'וויל מפרסם זיין אויף א געוויסע זאך אז ס'איז נישט כשר, דארף מען פריער זיך פארשטענדיקן מיט דער ,,התאחדות הרבנים" און זיי זאלן דאס פארעפנטלעכן.

ער האט זיך באלד געוואנדן צו דער ,,התאחדות הרבנים". זיך דורכגעשמועסט מיט די הויפט ,,רעדל-פירער" פון דארט, און געפרעגט וואס טוט מען וועגן דעם פראבלעם? איינער האט זיך אפגערופן: ,,מ'קען נישט שרייבן וועגן א פראדוקט, אז ער איז נישט כשר, אין פאל אז ס'איז נאך נישטא קיין דערזעצונג צו דעם, א כשר'ער פראדוקט. דער ענטפער האט דעם רבי'ן זייער

גערגעט און צוריקגעפרעגט: לויט אייך, טאר מ׳נישט אסר׳ן חזיר, ווייל ס׳איז נאך נישטא גרייט קיין כשר חזיר?!... דער ענטפער איז ווידער: דאס איז די שיטה פון סאטמארער רבי!...

*

## ,,דער איד״ וויל נישט...

דער רבי ענטפערט זיי צוריק: איך פארשטיי אייך זייער גוט. אבער, וואס הענגט איר אן אזא ענטפער אויפן סאטמארער רב? איר מיינט אז איך בין פון אונטער דעם אויוון, מ׳זאל מיר קענען דערציילן באבע מעשיות?!... זיי האבן זיך געהאלטן ביי זייערס, און ווידער איבערגעחזרט: דאס איז די שיטה פון אונזער הייליקן רבין, און פארדריי אונז נישט קיין קאפ!...

ער איז צוריקגעגאנגען צום שאפראנער רב, אים איבערגעגעבן אלץ וואס ס׳איז פארלאפן במשך דער צייט. דער רב זאגט אים: גייט נאכאמאל אריבער צום ,,איד״ און ווענדט זיך צו איינעם מיטן נאמען גאלדשטיין. ער איז ווארשיינלעך מער ערלעכער פאר זיי, און בוודאי וועט ער אייך העלפן דאס צו פארעפנטלעכן אין ,,איד״. דער רבי האט אזוי געטאן, אבער, ער האט אויך גארנישט געהאלפן...

באין-ברירה האט דער רבי געמוזט דרוקן א קונטרס וועגן דעם, און אזוי ארום האט זיך אנגעהויבן דער אנפאנג פון ספר ,,**נפש ישעי׳**״, ווי דער ערשטער איז פארעפנטלעכט געווארן מיט 80 זייטן, געטייפט אויף א ,,טייפ-רייטער״. מיט דער צייט איז צוגעקומען א סך מאטעריאל און ער איז געשטיגן צו 530 זייטן.

ווען דער ספר איז ארויס פון דרוק, האט דער רבי געמאכט אן אפמאך מיטן ספרים געשעפט ,,ירושלים״. ער וועט אים גיבן

דאס ספר פאר א העלפט פרייז, בתנאי, ער זאל פארקויפן א סך און פארשפרייטן די ספרים איבער גאר דער וועלט. ס׳איז טאקע געווען א גרויסע מודעה אין ,,איד״ אין וועלכע ס׳זאגט זיך, אז דער הויפט-פארקויף איז ביי דעם ספרים געשעפט ,,ירושלים״. ס׳איז דארט אויך געווען, א ברכה פון סאטמארער רבי׳ן זצ״ל (כאטש די מאכילי-חנו״ט זאגן נאך, אז ער האט דאס ספר געווארפן אויפן דיל, און נאך ענלעכע שקרים. זע צוגאבן). אויך א באשרייבונג וועגן ספר איז דערשינען אין יענעם נומער פון ,,איד״. נאך דעם אלעם האט זיך דער רבי גענומען צו פארקויפן דאס ספר אין די בתי מדרשים.

דער עולם איז געווען אזוי נאאיוו און אומבאוואוסטזיין וועגן דעם ענין, אז זיי האבן געפרעגט דעם רבי׳ן: ווער עסט דען מאכלות אסורות, ס׳זאל זיך פאדערן א ספעציעל ספר וועגן דעם? מיר עסן דאך נאר פראדוקטן וואס האט פארלעסלעכע הכשרים!...

## א נדבה, יוצא צו זיין...

ער האט זיי געמוזט ענטפערן, פאר מורא: איך האב א שטוב מיט קליינע קינדער צו שפייזן, דעריבער פארקויף די איך ספרים אלס פרנסה. האבן זיי אים געוואלט געבן א נדבה א דאלאר. ,,קיין נדבות דארף איך נישט״!... האט דער רבי געענטפערט. איר זענט מיך מבייש ווען איר גיט מיר א דאלאר. ווילט איר קויפן ביי מיר דאס ספר פאר 5 דאלאר, בדרך כבוד, איז גוט, און אויב נישט, וויל איך גארנישט פון אייך. ער האט געמוזט וואנדערן פון איין בית מדרש צום צווייטן, ביז ס׳איז אים געלונגען אריינצוברענגען די ספרים אין אידישע הייזער. אין סאטמארער בית המדרש אליין האט ער פארקויפט איבער 5 הונדערט ספרים. א יאר דערנאך, האט ער איבערגעדרוקט דאס ספר אין א קליינעם פארמאט, 62

זייטן, 23 טויזנט ספרים און דאס צו געשיקט צו יעדער אידישע אדרעס וואס ער האט נאר געהאט. אין בארא פארקער געגנט 10 טויזנט 5 הונדערט; וויליאמסבורג נאענט צו 5 טויזנט, די אנדערע ספרים צעשיקט קיין: פלאטבוש; קראון-הייטס; מאנטרעאל, טאראנטא, מאנסי, סקווער און נאך אנדערע מקומות. די מי און הארעוואניע פון רבי׳ן איז נישט געווען אומזיסט. צוביסלעך, האט זיך דער עולם אנגעהויבן אויפצוואכן און נאכטראכטן וועגן ענין פון כשרות. אין די אידישע פאבריקן איז געווען דאס געשפרעך: די שוחטים, משגיחים, ווי אויך די רבנים האבן אנגעהויבן צו עפענען די מיילער!...

* * *

# קאפיטל 36

## שבת-אקציע אין ברוקלין...

אין יאר תש״מ, האט זיך א געוויסער איד זיך געוואנדן צום רבי׳ן, מ׳זאל זען צו טאן עפעס וועגן קדושת בית המדרש. נאכן אויסהערן דעם איד, זאגט ער אים: וויבאלד ס׳איז איצט דא, אין סאמע הארץ פון בארא פארקער געגנט, אזא גרויס פראבלעם, וועגן חילול שבת בפרהסיא, וואו ס׳ווערן געעפנט יעדער פאר וואכן פרישע געשעפטן, און זיי זענען אופן אין שבת קודש. דעריבער, האלט איך, אז איצט זאל מען זיך קאנצענטרירן נאר וועגן דעם פראבלעם. ער האט צוגעגעבן, דאס ער האט גערעדט וועגן דעם מיט רבנים, אבער, קיינער גיט נישט א פיפס וועגן דעם!... ער איז ממשיך: איך וויל ארויסגעבן א רוף צו אלע רבנים עפעס צו טאן וועגן דער קדושה פון שבת. דער איד האט צו געשטימט.

דער רבי האט צוגעגרייט א באשרייבונג פאר די צייטונג, און אפגערופן דעם דאזיקן אידן, ער זאל אריבערקומען צו אים. ער ווייזט אים די באשרייבינג. דער איד, איז אבער געווען אנטוישט פון דעם און זאגט: נישט דאס האב איך געוואלט?!. דאס איז א באשרייבנוג, איך האב געמיינט, אז איר גרייט צו א מודעה. דעריבער בין איך נישט גרייט צו באצאלן דערפאר.

ענפטערט אים דער רבי: אויב איר זענט נישט גרייט צו באצאלן דערפאר. כאטש גאראנטירט פאר דער באשרייבנוג, און איך וועל באצאלן פאר איר. האט ער אזוי געטאן. אבער, נישט באצאלט די הוצאות פאר דער באשרייבונג ביז היינט. א צייט שפעטער, האט דער זעלבער איד געפונען נדבנים, וואס האבן זיך געלאזט קאסטן גרויסע געלטער פאר קדושת השבת.

## דעמאנסטראציע קעגן „וואלבאום"...

נאך א צייט, האט דער פריער דערמאנטער איד, געזען אנצוקניפן א קאנטאקט, צווישן דעם **„וועד פאר קדושת השבת"** און אונזער רבי. דער פארזיצער פון דעם וועד איז געווען, יאסער רב הרב אשכנזי. זיי האבן זיך עטלעכע מאל געטראפן וועגן דעם. מ'האט געמאכט פארשידענע סארט קול קורא'ס וועגן שבת. מ'האט געדרוקט מודעות אין וועלכע דער ציבור איז גערופן געווארן: נישט צו קויפן אין דעם „וואלבאום" סופער-מארקעט, וואס געפינט אין צענטער פון געגענט, אויף דער דרייצעטער עוועניו און איז אפן אום שבת. די מודעות מיט אונטערשריפטן פון אלע רבנים פון דער געגנט, ווי אויך פון דער גאנצער שטאט זענען פארעפענטלעכט געווארן אין „איד" און „אלגעמיינעם זשורנאל" און אנדערע. מ'האט געהאנגען פלאקאטן אין אלע גאסן, ווי אויך פארטיילט „ליפלעטס", אין

## דער געראנגל פאר אידישקייט עקזיסטענץ און אונזער צייט

וועלכע ס'ווערט ארויסגעבראכט דער פראטעסט קעגן דעם חילול שבת בפרהסיא. ס'איז ארגאניזירט געווארן אן אקציע פון ,,פראטעסט-בריון״, וואס זאלן געשיקט ווערן צום הויפט-פארוואלטער פון די געשעפטן. וויבאלד דער פאטער זיינער, גרינדער פון די גרופע געשעפטן ,,וואלבאום״, איז געווען א טראדיציאנעלער איד, זאל ער אויך נישט באליידיקן די געפילן פון די אידן וואס וואוינען דא אין דער געגנט. האלטן דאס געשעפט פארמאכט און נישט פארוואנדלען דאס געשעפט, אלס א צענטראלער איינקויף-פונקט אום שבת קודש. ס'האט אבער גארנישט געהאלפן. מ'האט פרובירט נאך פארשידענע השתדלות'ן, צו פועל'ן ביי דער פארוואלטונג. אבער זיי האבן באין-אופן נישט מסכים געווען צו שליסן דאס געשעפט אום שבת. ס'איז פאררופן געווארן אן אסיפה מיט די רבנים פון וועד הכשרות. נאכן אויסהערן פארשידענע מיינונגען און דיסקוטירן דעם ענין איז באשלאסן געווארן, צו פארופן א פראטעסט-דעמאנסטראציע אויף א געוויסן שבת, קעגן דעם חילול שבת בפרהסיא פון ,,וואלבאום״. נאך צוגרייטונגען במשך א פאר וואכן, איז אלץ געווען גרייט פאר דער דעמאנסטראציע. אין דעם באשטימטן שבת, נאכן דאווענען אין די שולן און בתי מדרשים, האבן אידן פון אלע קרייזן, זיך געלאזט אין דער ריכטונג פון ,,וואלבאום״ געשעפט אויף דער 13טער עוועניו, בשכנות פון דעם האלמינער בית המדרש, אונטער דער אנפירערשאפט פון רבי'ן שליט"א. באמת, איז דאס אים, גארנישט אזוי צום הארצן געווען. צווישן די אנפירער פון דעם שכנות'דיקער געשעפט זענען געווען אויסגערופענע מערדער, וואס זענען געווען עלול חרוב צו מאכן דאס בית המדרש, און אפילו אומברענגען נפשות רח"ל. אבער וואס טוט מען נישט פארן שבת קודש.

## „קאונסול" רעדל-פירער מאנעווירן...

ס'איז געווען א קידוש השם. טראָץ דעם שטאַרקן רעגן, האט זיך פארזאמלט א גרויסער ציבור אידן, אין זייערע שבת'דיקע מלבושים און טליתים, בראש מיט א טייל רבנים פון געגנט.

די הצלחה איז געווען מער ווי דערוואַרט. פלוצלונג קומט אן איינער פון די גרויסע רבנים אין געגנט, וועלכער האט געדאַרפט האלטן א וואַרימע דרשה, און דערציילט: עטלעכע הויפט-עסקנים פון „קאנסול" זענען צו אים געקומען און איבערגעגעבן, אין נאמען פון געוויסע איטאַליענער גויים, וועלכע האבן געדראָט, אז דאס געשעפט איז, דאס איינציקע וואו זיי קענען איינקויפן אום שבת. אויב די אידן, וועלן דורך זייערע דעמאנסטראַציעס נייטן די פארוואַלטונג צו שליסן דאס געשעפט שבת, וועט זיך גיסן בלוט אין די גאסן... דעריבער בעט ער דער עולם זאל זיך פונאנדערלאָזן און אויפגעבן די דעמאָנסטראַציע.

די אידן אויפן פלאַץ האבן אויפגעקלערט דעם חשוב'ן רב: דאס אלץ איז א פאליטשע-מאנעוורע פון די „קאנסול" מענטשן. זייער גאנצע קאַריערע ווענדט זיך, ווי ווייט רואיק די געגנט איז. אומאפיציעל זענען זיי באפולמאַכט פון דער פאליס וועגן דער געגנט-אָרדענונג. דעריבער זענען זיי פאראינטערעסירט, פאר יעדן פרייז אונטערצודריקן וואס פארא סאָרט אויפרודערונג ס'זאל נישט זיין.

דער רב האט זיך דאן געכאפט וואס דא קומט פאר, און געהאלטן א וואַרימע דרשה וועגן די הייליקייט פון שבת.

דער רבי האט נישט געוואלט מ'זאל וויסן, אז ער איז פארמישט דערין, אפילו אויף א האָר. זיין אינטערעס איז געווען, ס'זאל האבן א כלל-ישראל כאראַקטער און נישט אַרויסרופן צו

זיך קיין קעגנערשאפט. ער איז געשטאנען אין קאנטאקט מיט עטלעכע רבנים, וואס זענען געווען אמת׳ע פארטרויאונגס מענטשן און קיין זאך וועט פון זיי נישט ארויסקומען. זיי האבן געוואלט מאכן דעמאנסטראציעס יעדן שבת. א שטייגער ווי אין ירושלים. אבער, צו דעם איז געווען א קאטעגארישע קעגנערשאפט פון אלע רבנים פון געגנט, טענה׳נדיק: דאס איז אן אפענער ארויסרוף צו שפיכות דמים. די דעמאנסטראציע-פלענער זענען בטל געווארן. (ס׳איז דא א סך וואס צו דערציילן, וועגן אלץ וואס ס׳איז פארגעקומען ארום די אקציעס פאר קדושת השבת, אבער דאס וועלן מיר שוין איבערלאזן פאר די צווייטע אויפלאגע בע״ה).

עטלעכע יאר שפעטער, האבן געהיימע רוצחים דערמארדעט דעם געשעפט-פארוואלטער און אים פארבאהאלטן אין פריזער, און דאס געשעפט איז גענצלעך אפגעשפארט געווארן. היינט איז דארט געווארען די דיימס סעווינג באנק.

* * *

# קאפיטל 37

## כשרות און שחיטה אקציע (אין קורצן)

אין יאר תשל״ג, ווען דער רבי האט פארעפנטלעכט א קול-קורא קעגן דער שחיטה, זענען אים טייל פון שותפים שוחטים נאכגעלאפן און געוואלט הרג׳ענען. איינער פון זיי, איז געפארן אזוי ווייט ווי 4 הונדערט מייל, אים צודערגרייכן. ווי ס׳איז שפעטער באוואוסט געווארן, האט ער געהאט מיט זיך גרייט אַן אנגעלאדענעם רעוואלווער. ווי נאר, די שוחטים, וואס האבן דעמאלט געארבעט צוזאמען מיטן רבין, זענען געוואויר

געווארן, אז דער חברה׳מאן איז געקומען, האבן זיי אים צעוויסן געגעבן.

ער איז באלד אנטלאפן זיך אויסבאהאלטן אויף א הויכן בארג אין דער געגנט. דער שוחט-רוצח, דערהערנדיק אז דער רבי איז אנטלאפן. האט ער מורא געהאט, טאמער אמאל, איז ער געלאפן אלארמירן פאליציי. איז ער אין געהייל צוריק אנטלאפן. נאך פיר שעה האבן די חברים צוריק גערופן דעם רבי׳ן פון זיין באהעלטעניש.

די רעדל-פירער פון הייליקן-טעראר, האבן דעמאלט געניצט די זעלבע טריקס ווי זיי זענען גאוואַרינט געווען פון דער היים אין אייראפע (זע די „טראנסילוואניע אידיש צייטונג״, וואס איז דא גאר נישט לאנג צוריק פארעפנטלעכט געווארן). זיי האבן גוט געקענט די סיסטעמען פון רציחה, שפיכות דמים, תרתי משמע (געלט און בלוט), כל דבר אסור וואס איז נאר מעגלעך דורך דעם צו שעדיקן. קיין זאך אין דער וועלט האט זיי נישט צוריקגעהאלטן. ספּעציעל, ווען זיי האבן געקענט מכשיל זיין דעם ברייטן ציבור מיט נבילות און טריפות, חלב, און דם נישט בשוגג נאר במזיד און צו דער זעלבער צייט אנגיין אלס שיינע אידן... זייער פירער (הײנטיקער סאטמארער רב) האט אליין מודה געווען (זיינע ווערטער זענען דא אויף א טעיפ), אז מ׳נארט שוין דעם ציבור מער ווי דרייסיק יאר. די אידן נעבעך, מיינען אז זיי קריגן „גלאט כשר״ פלייש, אבער אין אמת׳ן, עקזיסטירט גארנישט אזא זאך!...

## דער ציל פארהייליקט די מיטלען!...

דער פריער דערמאנטער שוחט-רוצח, וואס ס׳איז אים נישט געלונגען צו ליקווידירן דעם רבין ביי דער שחיטה, האט נישט

אויפגעגעבן זיין שטרעבונג. ער האט אנגעהויבן צו דראען די שוחטים וואס האבן צוזאמען געארבעט מיטן רבין: אויב זיי וועלן פארזעצן ארבעטן מיט אים, וועט מען זיי נישט ארייינלאזן אין סאטמארער בית המדרש; מ׳וועט זיי קאלע מאכן; מ׳וועט זיי שטערן זייערע שמחות. ער האט אנגעווענדט פארשידענע טעראר-סיסטעמען צו ברעכן די שוחטים, זיי זאלן קאאפערירן מיט אים. וויבאלד ס׳איז אים נישט געלונגען צו צעברעכן דעם רבין פיזיש, וועלן זיי אים ליקווידירן גייסטלעך, דורך צונעמען זיין פרנסה און באשמוצן זיין נאמען. דער רבי שליט״א האט דעמאלט שוין געהאט געארבעט, אלס שוחט, ביי דער מארגארעטענר שחיטה 5 יאר. זיי האבן פרובירט יעדער סארט טעראר-מיטל צו פועל׳ן ביי די מארגארעטענער שוחטים זיי זאלן נישט וועלן שחט׳ן צוזאמען מיטן רבי׳ן. ממילא, וועט מען דאך אים אפזאגן פון אמט. דעמאלט וועלן זיי שוין קאנען זאגן פאר די עפנטלעכקייט: איר ווייסט פארוואס מ׳האט אים אפגעזאגט פון דער שחיטה? איר ווייסט נישט פארוואס? האהא!... פאר מעשים טובים?!... איר זעט דעם צדיק... מ׳האט אים געכאפט ביי די מעשה!... מער פעלט שוין נישט פאר א שוחט... צוויי פון די שוחטים, זייענדיק אויף שבת אין דער היים, האבן באלד נאך שבת זיך געווענדן צום מארגארעטענער רב, אים דערציילט, זיי האבן מורא פארצוזעצן ארבעטן מיטן רבין ווייל מ׳דראט זיי מיטן ערגסטן, פון אלע זייטן. זייער מטרה איז געווען א קלארע... דער רב ענטפערט אבער: איך וועל קיין אנדערן שוחט נישט שיקן... ווער ס׳וויל נישט קומען, זאל נישט קומען. כאטש ער האט זייער גוט געוואוסט אז זיין שחיטה קען חלילה איינגאנצן צעבראכן ווערן, דורכן פארלירן צוויי שוחטים, און ס׳איז גארנישט לייכט צו קריגן אנדערע. דאך, איז ער געווען זייער אנטשלאסן זיך נישט לאזן טעראריזירן. דער רבי פון זיין זייט,

האט געלאזט צו וויסן דעם מארגארעטענער רב: ער וויל נישט אז דורך אים זאל די שחיטה אונטערגיין. דאס איז אים געווען צו טייער ס'זאל אזוינס געשען. ער האט זיך ממש מוסר נפש געווען פאר איר. על כן איז זיין באשלוס פעסט: ער פארט מער נישט ארויס צו דער שחיטה און זאלן די אנדערע שוחטים פארן. דער רב האט אפילו אים נישט געוואלט לאזן אויסרעדן. ער איז געשטאנען אויף זיינס: איר פארט שחט'ן!...

* * *

## טעראר קעגן די קצבים...

די צוויי פריער דערמאנטע שוחטים, סאטמארער חסידים, האבן איבערגעגעבן צום שוחט-רוצח דעם אינהאלט פון זייער שמועס מיטן מארגארעטענער רב, און ווי פעלזן פעסט ער שטייט אויף דעם, אז דער רבי זאל בדווקא פארזעצן שחט'ן. דער חברה'מאן איז געפאלן אויף א נייע המצאה. ער וועט דראען אלע קצבים: אויב זיי וועלן דערוואגן אריינגעמען אין זייער יאטקע, פלייש פון מארגארעטענר שחיטה וועט מען זיי אסר'ן די געשעפטן און אנווענדן יעדער מעגלעכער מיטל פון טעראר זיי צו ליקווידירן...

די קצבים רופן אפ דעם מארגארעטענער רב און דערציילן אים וואס דער שוחט-רוצח סטראשעט זיי. איינער פון די פריער דערמאנטע שוחטים האט אפילו דערציילט: מ'ארבעט אויס א סטראטעגיע, ווי בכלל אפצוראמען די מארגארעטענער שחיטה!...

דער רבי דערוויסנדיק זיך פון דעם, האט זיך געוואנדן צו איינעם פון די שוחטים, ער זאל צו וויסן געבן אלע שוחטים, ספעציעל צו די צוויי סאטמארער שוחטים: זיי קענען רואיק

פארן שחט'ן ער וועט נישט פארן באין-אופן, טראץ דעם דרוק פון מארגארעטענער רב אויף יא !... זיי האבן גוט געוואוסט, אויב דער רבי זאגט ניין, וועט דאס אזוי בלייבן.

## ווערען באלד באשטראפט...

די שוחטים זענען ארויסגעפארן נארמאל, ווי יעדער וואך. אבער, אין מיטן דער נסיעה, עפענען זיך דיר טירן פון אויטא און די שוחטים זענען ארויסגעפלויגן פון וואגן. טייל פון זיי האבן געמוזט באקומען שפיטאל באהאנדלונג. אנדערע זענען אפגעקומען מיט וואונדן און ווייטיקן א שטיק צייט. זיי האבן באלד בעת דעם עקסידענט אונטערגעשטראכן: דאס האבן מיר זיך פארדינט צוליב דעם וואס מיר האבן געטאן צו שלו' יודל'ן (דער רבי).

תלמידים זאגן נאך פאר זייער רבין, דער בעל שם טוב: „וואס מ'טוט טוט מען זיך", ווי באוואוסט די מעשה מיט דער אלמנה און קעניג. דאס זעלבע מיטן רבין. כל זמן ער איז געווען שוחט, האט ער געזארגט, אידן זאלן עסן כשר. וויבאלד ער האט דאס פארלאזט און אנגעהויבן עוסק זיין אין תיקון העולם, אנגעהויבן מפרסם זיין מודעות וועגן עניני כשרות, האט ער גענומען ארגאניזירן דעם „וועד הכשרות".

* * *

## די גרינדונג פון וועד האט זיך אנטוויקלט אויף דעם אופן:

דער רבי שליט"א האט זיך געוואנדן צו פארשטייער פון פארשידענע קהילות, צווישן זיי אויך רבנים, געהאלטן דרשות אין אלע ישיבות, אין וועלכע ער האט איבערגעגעבן דעם גאנצן אמת, וואס ס'קומט פאר אין די שעכט-הייזער מיט דער שחיטה

און די שוחטים, וואס מ׳שטאפט אן דעם המון. צוביסלעך האט זיך גענומען ארגאניזירן גרופעס רבנים, כולל-אינגעלייט, קהילה-פירער, מלמדים, כלל-טוער פון פארשידענע קרייזן. מ׳האט פארופן אן אסיפה, וואו די ענינים זענען ארומגערעדט געווארן מער באריכות און דיטאלן. צום סוף איז מען געקומען צום באשלוס, אז דער בעסטער וועג צו לייזן די סארט פראבלעמן איז: גרינדן א זשורנאל אונטערן נאמען „מדריך הכשרות״. ס׳האט אויסגעפעלט נאר איין זאך: א חשוב׳ער רב, וואס זאל שטיין אין שפיץ פון דעם זשורנאל!... אבער, קיין חשובער רב האט נישט געוואלט דאס נעמען אויף זיך. דער רבי האט פרובירט ארייננצוציען אין דעם ענין חשוב׳ע רבנים. ער האט זיי איבערגעגעבן, אז אונטער דעם זשורנאל שטייען א מחנה כולל-אינגעלייט, רבנים, קהילה-פירער און דג״ל. עס דארף זיי גאר נישט קאסטן קיין הוצאות. ער נעמט אלץ אויף זיך. זיי וועלן נאר האבן דעם כבוד, צו שטיין אין שפיץ פון אזא חשוב׳ן זשורנאל. ס׳האט אבער גארנישט געהאלפן. די רבנים האבן גע׳טענה׳ט: וועלכער רב וואס וועט עפענטלעך זיך שטעלן אין שפיץ פון דעם זשורנאל, איז באלד אויף דער ליסט פון „הייליקן-טעראר״, אלס ציל פאר טעראר, ווי זיי קענען. זיי האבן נישט קיין כוח דאס מיטצומאכן. ס׳איז זיי גוט באוואוסט, וואס די חברה האבן געטאן נאך אין דער האלטער-היים, אין איירעפע, צו ספינקע, דעש און נאך דרייסיק גדולי ישראל. זיי זענען נישט גרייט צו זיין „די קרבנות-ציבור״ פאר כלל ישראל!...

*

## דעברעצינער רב בראש

נאך אומדערמידלעכע אנשטרענגונג פון רבין מיט די ערלעכע עסקנים וואס האבן מיטגעארבעט אין דעם ענין, האבן

זיי געפועל'ט ביים דעברעצינער רב, ער זאל מסכים זיין, צו שטיין בראש פון דעם זשורנאל. זיי האבן אים דערקלערט, אז דער זשורנאל וועט נישט טראגן קיין שום כאראקטער פון פאליטישע מיינונגען, נאר, אויפקלערונגען און ווארענונגען וועגן ענייני כשרות. אויפברענגען יעדער סארט שאלה בנוגע דעם ענין, הן ריין הלכה'דיקע, הן טעכניש-כעמישע דערפינדונג-פראבלעמען וואס רירן אן די יסודות פון כשרות, זיי צולייזן בדרך התורה והמסורה, דאס דערוואַרט מען פון אים. צוגעבנדיק דערביי, אז זיי האבן א איד וואס וויל אויסהאלטן דעם זשורנאל יעדן צוויי חדשים. בקיצור ער האט מסכים געווען.

אין געציילטע וואכן איז דערשינען דער ערשטער ,,מדריך". ער האט געמאכט זייער א גרויסן רושם אין דער אידישער גאס. ס'האבן זיך צו אים באלד עפנטלעך אנגעשלאסן, ארום צוואנציק רבנים מיט דברי חיזוק און אונטערשטיצונג. מיר גיבן דא די פאלגנדיקע ליסטע פון אלע רבנים וואס האבן זיך באטייליקט אין זשורנאל מיט ארטיקלען, דברי התעוררות וחיזוק, לויטן אלף-בית:

* * *

## רבנים רשימה (לפי סדר הא־ב) :

הרב הגאון מוהר"ר אליעזר זוסיא פורטיגאל שליט"א אדמו"ר מסקולען [זצ"ל], הרב הגאון מוהר"ר הלל ליכטענשטיין אב"ד קראסנא, ולהבחל"ח הרב הגאון מוהר"ר אברהם מאיר איזראעל שליט"א אב"ד הוניאד, הרב הגאון מוהר"ר חי"ל דייטש שליט"א אדמו"ר מהעלמעץ, הרב הגאון מוהר"ר יצחק אייזיק אייכענשטיין אב"ד קיוויאשד שליט"א, הרב הגאון מוהר"ר משה ניישלאס אב"ד דשיכון סקווירא, הרב הגאון מוהר"ר משה

## דער גערעסטער פאר אידישקייט עקזיסטענץ און אונזער צייט

שטערנבוך שליט״א מח״ס מועדים וזמנים, הרב הגאון מוהר״ר נחום מרדכי פערלאוו שליט״א אדמו״ר מנאוואמינסק, הרב הגאון מוהר״ר שלו׳ משה הלוי אונגאר אב״ד נייטרא, הרב הגאון הצדיק מוהר״ר שלמה האלבערשטאם שליט״א אבדק״ק ואדמו״ר מבאבוב שליט״א.

די פרוכטבארע אקטיוויטעטן פון ,,ועד הכשרות״ האבן געהאט א גרויסע ווירקונג. מיט דער צייט, איז הינטער דעם קאמיטעט געשטאנען 120 אקטיוויסטן. זיי האבן אויסגעפונען, אז די רבנים וואס גיבן די הכשרים, ווייסן אפילו נישט די נעמען פון די פראדוקטן וואס זענען אונטער זייער השגחה. די פראדוצירער האבן געשטוינט וויאזוי די עסקנים פון וועד געפינען אויס פארהוילענע סודות פון דעם ארטיקלען-אינהאלט און די פאבריצירונג. זיי האבן ממש געפילט דעם ,,עין-רואה״... און טאקע זיך מער געהיטן. ס׳איז שווער ארויסצוברענגען אויפן פאפיר וואספארא גרויסער קאנטראל-כוח דאס איז געווען דאן און וואס ס׳האט געקענט זיין אין דער צוקונפט. אלץ איז געווען גוט און פיין, שא-שטיל, ביז ס׳איז געקומען צום ענין וועגן די פליישן. מ׳האט געוואלט ארויסשרייבן דעם גאנצן אמת: מ׳איז מאכיל כלל ישראל מיט נבילות און טריפות, חלב און דם.

ס׳לאזט זיך גארנישט איבער געבן אין שריפט וואס ס׳איז דעמאלט אנגעגאנגען ארום דעם ענין דא אין אמעריקע. וואס שוין די פארצייטישע צדיקים האבן אויף איר געזאגט: ,,אפילו אירע שטיינער זענען... מ׳זאל באמת ווערן אלץ ארויסברענגען אין דער עפענטלעכקייט, וואלט נישט גענוג געווען א ספר אדער צוויי, און אפשר אפילו א גאנצע סעריע ספרים וואלטן אויך נישט געווען גענוג. די פאראינטערעסירטע לייענער, וואס ווילן ווייסן גענוי די גאנצע אנטוויקלונג פון דער אקציע קעגן די

שחיטה-,,רעדל-פירער״, וואס זיי האבן אלץ אפגעטאן צו די תמימות׳דיקע ערלעכע אידן אין וויליאמסבורג און בארא-פארק, זאלן אזוי גוט זיין דורכלייענען די פאלגנדיקע רשימה ספרים:

1. ,,מדריך הכשרות״, באנד 14, 15, 16, 19, 32, 33, 34, 35, 36, 37, 38, 39.
2. ,,אכילת בשר הלכה למעשה״.
3. שו״ת זבחו זבחי צדק, 3 בענדער.
4. קונטרס על הניסים.
5. ,,שחיטת ואכילת בשר״, 2 בענדער.
6. סיפורים נפלאים מצדיקי ישראל.
7. פנינים יקרים.
8. ,,ניקור חלק הפנימי״.
9. ,,מצב הניקור בארצות הברית״.
10. ,,עלבונה של תורה״.
11. ,,עמק הבכא״.
12. ,,נפש ישעי׳ שחיטה״.
13. ,,נפש ישעי׳ ניקור״.
14. ,,די שטאט קראקע״.
15. ,,קול השחיטה״ (אידיש).
16. ,,קול השחיטה״ (לשון הקודש).

17. ,,מלחמת קודש" (א פארווארט צו 120 ניקור ספרים).

18. ,,וויכטיק פאר יעדן".

19. ,,שמע ישראל".

20. ,,בשר גלאט כשר בזמן הזה".

21. ,,מכתבי התעוררות".

22. ,,קול השחיטה" (ענגליש).

23. ,,מלחמת השם".

* * *

# קאפיטל 38

## ציצית און שעטנז אקציע...

אין יאר תש"מ איז אנגעקומען צום רבי'ן א באריכט, דאס מ'פארקויפט אין די ספרים-געשעפטן פסול'ע טליתים. בעסער געזאגט, געפעלשטע טליתים. וואס איז לכאורה געמאכט פון ריינע וואל, פאקטיש זענען זיי געמישט מיטן סינטעטישן ,,פאליעסטער".

א געוויסער רב האט אים דערציילט, אז א באוואוסטער סוחר אין וויליאמסבורג, האט דא-הי אריינגעברענגט 10 טויזנט טליתים, געמישט וואל מיט ,,פאליעסטער". די טליתים האבן מיט זיך אויך פארגעשטעלט א שטענז פראבלעם. ער האט באלד פארעפנטלעכט פלאַקאַטן וועגן די ,,טליתים"... אין די צייטשריפטן: ,,די תורה וועלט" און ,,אלגעמיינער זשורנאל", ווי אויך א קונטרס אונטערן נאמען ,,קול יעקב", אין וועלכע ער הארנט דעם ציבור וועגן די הארבקייט פון די מכשולות.

## דער גערוואנגל פאר אידישקייט עקזיסטענץ און אונזער צייט

ווען דער סקאנדאל איז פארעפנטלעכט געווארן, האבן די ספרים-הענדלער אפגערופן דעם רבי׳ן טעלעפאניש, אים דערציילט זייערע נייע פראבלעמען וואס זיי האבן אויסצושטיין פון די קונים, ווען זיי קומען קויפן א טלית. זיי גלייבן גארנישט אז דאס איז וואל?!... ס׳איז דאך דא אן עצה! ענטפערט זיי דער רבי: זאל מען זיי אנאליזירן אין דער ,,שעטנז״-לאבאראטאריע, וועט מען וויסן גענוי. צי איז דאס ריינע וואל צי נישט?!...

די סוחרים האבן צוריקגעשיקט די טליתים צום ,,אלסיילער״ ווייל זיי האן דאס נישט געקאנט פארקויפן.

ער האט אפגעווארט א שטיק צייט און זיי גענומען פארקויפן אין די געגנטן וואו עס וואוינען מאדערנע אידן. זיי זענען נישט צופיל מדקדק? א טלית איז א טלית און פארטיק!... וואס וועט אזא איד ענטפערן אויפן עולם האמת?!...

ת. ו. ש. ל. ב. ע.

